ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוָון פון חִיזוק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ ראש יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִיש

## פַּרְשַׁת דְבָרִים

תשפ"ג

308

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

## עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

מֶעג אִיךְ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין אִין קְלַאס בִּשְׁעַת דִי קִינְדֶער דַאוְוענֶען?........................א

מֶעג אַ טַאטֶע טוֹישְׁן אָדֶער בָּאדְן זַיין קְלֵיין מֵיידְל?..........................................ב

זָאל אִיךְ בָּארְגְן גֶעלְט אַז מַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען הָאבְּן אַ רוֹימֶערְקֶע?......................ד

מֶעג מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר קִינְדֶער צוּרִיק צוּ שְׁלָאגְן?......................................ה

וֶוער עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶער רֶבִּי פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן?........................................ח

לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אַיינְגֶעטֵיילְט אוֹיפְ'ן חוֹדֶש, אִיז גֶעמַאכְט פַאר יֶעדְן?....................יב

אַ סֵדֶר צוּ עֶנְדִיגְן דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר "לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן" יֶעדְן חוֹדֶש ........................יג

וֶוען אוּן וִויפִיל זָאגְט מֶען "הוֹדוּ לַה' כִּי טוֹב" בַּיי הַלֵל?....................................יד

פַארְוָואס פַּיינִיג אִיךְ אוּן אִיךְ טְשֶׁעפֶּע אַזוֹיפִיל מַיין מַאן? ..................................טו

## אִישׁ אֱמוּנוֹת

גֵיי נִישְׁט אַרוֹיס בַּיינַאכְט מִיט חֲבֵרִים, בְּלַייבּ אִין שְׁטוּבּ ................................א

וֶוער עֶס צָאלְט שְׂכַר לִימוּד, וֶועט זֶען שֵׁיינֶע נַחַת..........................................ב

דִי אַלֶף-בֵּית הָאט גֶעדַאטֶעוֶועט.....................................................ג

אַרוֹיסְכַאפְּן גוּטֶע זַאכְן דָא אוּן דָארְט, אִיז חָשׁוּבְ'עֶר פוּן אַ מַלְאָךְ ........................ד

שְׁלִיס דִיךְ אָן אִין דִי קָאמְפֵּיין צוּ זַאמְלֶען גֶעלְט פַאר אוּנְזֶער מוֹסָד ........................ו

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין דֶעם קְלֵיינֶעם סֵפֶר צַוָואַת מוֹהֲרָא"ש ................................ז

וואויל איז אַייך אַז איר זֶענְט מְחַזֵק אַייעֶר מַאן מִיט זַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.................. י
עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת אַז מֶען הָאט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט בַּיי עֶנְק דֶעם סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן .. יא
אַ שְׁנִיר מִיט אַ שְׁוִוינֶער פַּארְטְרָאגְן זִיךְ נִישְׁט.............................................. יב
זַיינֶע חָכְמוֹת הַמְדֻמּוֹת טְרָאגְן אִים אִין נִישְׁט גוּטֶע פְּלֶעצֶער.................................... יג
דִי חֵדֶר אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע אוּן ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ.................................................... יג
בִּיסְט אַן אוֹיסְגֶעצֵייכְנְטֶער מְלַמֵד, אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ.............................................. יד

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**מֶעג אִיךְ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין אִין קְלַאס בִּשְׁעַת דִי קִינְדֶער דַאוֶונֶען?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ אִיךְ מֶעג מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין אִין קְלַאס בִּשְׁעַת וֶוען דִי קִינְדֶער דַאוֶונֶען, אָדֶער דַארְף אִיךְ הַאלְטְן אַ וַואכְזַאם אוֹיג אוֹיף דִי קִינְדֶער דִי גַאנְצֶע צַייט, אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט דֶערְוַוייל אַרַיינְקוּקְן אִין אַ סֵפֶר?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ"א תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.**

**וִויסְן זָאלְסְטוּ, אַ מְלַמֵּד אִיז זֵייעֶר אַ חָשׁוּבְ'עֶ אַרְבֶּעט, זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט; נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ ווִי לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן.**

**דֶער רַמְבַּ"ם פַּסְקְ'נְט** (פֶּרֶק ב' מֵהִלְכוֹת תַּלְמוּד תּוֹרָה, הֲלָכָה ב) **: "וְאֵין מְבַטְּלִין הַתִּינוֹקוֹת, וַאֲפִלּוּ לְבִנְיַן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ", מֶען טָאר נִישְׁט מְבַטֵּל זַיין קִינְדֶער פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה - אֲפִילוּ מֶען דַארְף זֵיי הָאבְּן צוּ הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ; אִינְטֶערֶעסַאנְט אַז דֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט אִיבֶּער דִי הֲלָכָה נָאכְאַמָאל** (פֶּרֶק א' מֵהִלְכוֹת בֵּית הַבְּחִירָה, הֲלָכָה יב) **: "וְאֵין מְבַטְּלִין תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן לְבִנְיָן",**

מֶען טָאר נִשְׁט שְׁטֶערְן דִי קִינְדֶער פוּן לֶערְנֶען, אֲפִילוּ מֶען דַארְף זֵיי הָאבְּן צוּ בּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ; וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן צַדִּיקִים אַז דָאס אִיז צְוֵויי בַּאזוּנְדֶערֶע זַאכְן, דֶער רַמְבַּ"ם לֶערְנְט אוּנְז צְוֵויי דִינִים, אֵיינְס אַז קִינְדֶער דַארְפְן לֶערְנֶען תּוֹרָה יֶעדְן טָאג אוּן טָארְן זִיךְ נִישְׁט מְבַטֵּל זַיין פַאר גָארְנִישְׁט, דָאס אִיז אַן הֲלָכָה אִין הִלְכוֹת תַּלְמוּד תּוֹרָה, צְוֵוייטְנְס וִוי אַזוֹי בּוֹיט מֶען אוֹיף דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ? דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן, דִי הֲלָכָה אִיז אִין הִלְכוֹת בֵּית הַבְּחִירָה.

אַ מְלַמֵּד טָאר נִישְׁט אִיבֶּערְלָאזְן דִי קִינְדֶער אוּן אַרוֹיסְגֵיין פוּן כִּתָּה, אָבֶּער אַז מֶען אִיז אִין כִּתָּה אוּן דִי קִינְדֶער דַאוֶוענֶען אָדֶער חַזֶר'ן וָואס זֵיי לֶערְנֶען - מֶעג דֶער מְלַמֵּד לֶערְנֶען אָדֶער זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶעג אַ טַאטֶע טוּישְׁן אָדֶער בָּאדְן זַיין קְלֵיין מֵיידְל?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵּׁר כֹּחַ אוֹיף אַלֶע בְּרִיווּ יֶעדֶע וָואךְ אִין עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אוּן פַאר דֶעם גִּלְיוֹן פוּן חִינוּךְ, אִיךְ לֵיין עֶס יֶעדְן שַׁבָּת אוּן דָאס אִיז מַמָּשׁ מַיין עֹנֶג שַׁבָּת, אִיךְ וַוארְט יֶעדֶע וָואךְ אוֹיף דֶעם. בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז צוּבִּיסְלֶעךְ קוּם אִיךְ צוּרִיק צוּ דִי כֹּחוֹת, אוּן אִיךְ קֶען וַוייטֶער אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען אוֹיפְן סֵדֶר דֶערֶךְ הַלִימוּד אוּן דַאוֶוענֶען יֶעדְן טָאג דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת.

אִיךְ הָאב בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ קְלֵיין מֵיידֶעלֶע, שׁוֹין אַ יָאר אַלְט, אוּן לֶעצְטְנְס הֶער אִיךְ פוּן אַרוּמִיגֶע מֶענְטְשְׁן אַז עֶס פַּאסְט נִישְׁט פַאר אַ טַאטֶע צוּ בָּאדְן דִי מֵיידְל, אָדֶער צוּ אִיבֶּערְטוּישְׁן דִי מֵיידְל, אָדֶער אֲפִילוּ צוּ בֶּעבִּיסִיטְן דִי מֵיידְל, וֶוען מַיין וַוייבּ דַארְף הִילְף.

אִיךְ הָאב קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ אַז עֶס זָאל זַיין אַ פְּרָאבְּלֶעם מִיט דֶעם. פַארְקֶערְט, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַלְץ גֶערֶעדְט אַז מֶען דַארְף הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ. הָאב אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הַאלְט וֶועגְן דֶעם.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ״א תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**
**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוּיל אִיז דִיר אַז דוּ דַאוֶוענְסְט דִי דְרַיי תְּפִילּוֹת יֶעדְן טָאג, שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, אוּן זַיי מַקְפִּיד צוּ גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ו:): "בְּשָׁעָה שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בָּא בְּבֵית הַכְּנֶסֶת", וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּמְט אִין שׁוּל, "וְלֹא מָצָא בָּהּ עֲשָׂרָה", אוּן זֶעט אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין מִנְיָן, "מִיָּד הוּא כּוֹעֵס", וֶוערְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּכַּעַס, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה נ, ב): "מַדּוּעַ בָּאתִי", פַארְוָואס בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען, "וְאֵין אִישׁ", וֶוען עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין מֶענְטְשׁ? "קָרָאתִי", מֶען רוּפְט מִיךְ, "וְאֵין עוֹנֶה", אוּן אִיךְ עֶנְטְפֶער נִישְׁט; זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּמְט אִין שׁוּל אוּן זֶעט וִוי מֶען דַאוֶוענְט מִיט מִנְיָן - אִיז נִישְׁטָא קַיין כַּעַס נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט פוּן דֶעם אַ נַחַת רוּחַ. נָאךְ זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (שָׁם ז:) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים סט, יד): "וַאֲנִי תְפִלָּתִי לְךָ ה׳ עֵת רָצוֹן", "אֵימָתַי עֵת רָצוֹן" וֶוען אִיז אַן עֵת רָצוֹן? "בְּשָׁעָה שֶׁהַצִּבּוּר מִתְפַּלְּלִין", וֶוען דֶער צִיבּוּר דַאוֶוענְט.

אוֹיךְ פְרֵיי אִיךְ זִיךְ אַז דוּ לֶערְנְסְט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, אִיךְ הָאף אַז דוּ לֶערְנְסְט יֶעדְן טָאג דִי בְּלַאט גְמָרָא. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן רִיד): "'תַּלְמוּד' גִימַטְרִיָּא שֶׁל הַקְּלִפָּה הַמַּחְטֵאת אֶת הָאָדָם בִּפְגַם הַבְּרִית שֶׁנִּקְרֵאת 'לִילִית'", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט גְמָרָא - פַארְבְּרֶענְט עֶר דִי קְלִיפָּה וָואס וַוארְפְט אַרָאפּ אַ מֶענְטְשׁ אִין פְּגַם הַבְּרִית; אַ שָׁאד אַז מֶענְטְשְׁן וֵוייסְן נִישְׁט פוּן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד (הַמְבֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), אַז מֶען קֶען לֶערְנֶען אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין; ווַייל וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן גֶעווּאוּסְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ בְּלַאט גְמָרָא אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער - וָואלְט יֶעדֶער אֵיינֶער גֶעעֶפֶנְט דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא אוּן גֶעלֶערְנְט.

בְּנוֹגֵעַ דַיין פְרַאגֶע וְכוּ׳; קֶענְסְט שְׁמוּעֶסְן מִיט חֲבֵרִים, פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט מֶענְטְשְׁן, אָבֶּער דֵּעוֹת - זָאלְסְטוּ אוֹיסְהֶערְן נָאר פוּן צַדִּיק, אוּן אַוַדַאי אוּן

אַוַדַאי ווי אַזוֹי אַוֶועק צוּ שְׁטֶעלְן דַיין שְׁטוּב - זָאלְסְטוּ נָאר אוֹיסְהֶערְן דֶעם צַדִיק.

דֶער צַדִיק זָאגְט הֶעלְף אִין שְׁטוּב, בָּאד דִי קִינְדֶער, בֶּעבִּי-סִיט דִי קִינְדֶער אוּן טוֹישׁ דִי קִינְדֶער; נִישְׁט נָאר מֶען מֶעג, נָאר אַ טַאטֶע מוּז הֶעלְפְן בָּאדְן דִי קִינְדֶער אוּן טוֹישְׁן דִי קִינְדֶער; אִיז וָואס דַארְפְסְטוּ זִיךְ מְבַלְבֵּל זַיין פוּן אַנְדֶערֶע?

ווארויל אִיז דֶעם וָואס הֶעלְפְט אִין שְׁטוּב.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאל אִיךְ בָּארְגְן גֶעלְט אַז מַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען הָאבְּן אַ רוּימֶערְקֶע?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוּן אִיךְ קֶען אֲפִילוּ נִישְׁט אָנְהוֹיבְּן צוּ דַאנְקֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיף דִי שֵׁיינֶע לֶעבְּן וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען פוּן דִי שִׁיעוּרִים אוּן דִי בְּרִיוו, אַז אִיךְ בִּין זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה יֶעדְן טָאג, אַז אִיךְ בִּין גֶעוֶוארְן אַ רוּאִיגֶער אוּן פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ, מַיין גַאנְצֶער בְּלִיק אוֹיפְן לֶעבְּן הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט מִקָּצֶה אֶל הַקָּצֶה, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶעבְּן מִיט אַ תַּכְלִית אוֹיף דֶער וֶועלְט, אַרַיינְצוּכַאפְּן תּוֹרָה וּמִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט אַרִיבֶּער אַ טָאג וָואס אִיךְ זָאל נִישְׁט טְרַאכְטְן כָּאטְשׁ אַפָּאר מָאל אַז אִיךְ גֵיי נִישְׁט בְּלַייבְּן דָא אוֹיף אֵייבִּיג, מִמֵּילָא לָאמִיךְ אַרַיינְכַאפְּן גוּטֶע זַאכְן, אַמָאל פְּלֶעג אִיךְ צִיטֶערְן נָאר פוּן טְרַאכְטְן פוּן דֶעם.

דִי סְעוּדוֹת שַׁבָּת קוֹדֶשׁ אִיז גֶעוֶוארְן דִי גֶעשְׁמַאקְסְטֶע זַאךְ בַּיי אוּנְז אִין שְׁטוּב, דִי שְׁלוֹם בַּיִת אִיז גֶעוָוארְן גָאר אַנְדֶערְשׁ, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער, עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אוֹיסְצוּרֶעכֶענֶען אַלֶע מַתָּנוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל וַוייטֶער קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, אוּן הָאבְּן דִי כֹּחוֹת מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין אוֹיפְצוּלַייכְטְן אַלֶע אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶּער.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט אִיבֶּער דִי הַארְבְּקֵייט פוּן הָאבְּן חוֹבוֹת, אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּטֶבַע בָּארְג אִיךְ נִישְׁט קַיין גֶעלְט פוּן קֵיינֶעם, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז אוּנְז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ נֶעמֶען אַ רוֹימֶערְקֶע אִין שְׁטוּבּ, כָּאטְשׁ אֵיינְמָאל אַ וָואךְ, אַרוֹיסְצוּהֶעלְפְן מַיין וַוייבּ מִיט דִי אַרְבֶּעט, עֶס קוּמְט מִיר אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער עֶס צוּ צָאלְן, אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַאר מַיין וַוייבּ אַז אִיךְ וֶועל טוּן דִי אַרְבֶּעט אַנְשְׁטָאט דִי רוֹימֶערְקֶע, אָבֶּער מַיין וַוייבּ וִויל נִישְׁט, זִי זָאגְט אַז עֶס פַּאסְט נִישְׁט אִיךְ זָאל עֶס טוּן, מִמֵּילָא הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט בָּארְגְן גֶעלְט דִי לֶעצְטֶע צְוֵויי וָואכְן פַאר דֶעם, אִיךְ הָאבּ עֶס שׁוֹין בַּאצָאלְט בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אָבֶּער אִיךְ וִויל וִויסְן אוֹיף וַוייטֶער אוֹיבּ עֶס אִיז רִיכְטִיג צוּ בָּארְגְן גֶעלְט פַאר דֶעם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ״א תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אַוַדַאי אוּן אַוַדַאי זָאל דַיין וַוייבּ נֶעמֶען אַ רוֹימֶערְקֶע, אוּן אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, מֶעגְסְטוּ בָּארְגְן - אַזוֹי וֶועסְטוּ הָאבְּן עֲשִׁירוּת. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן** (בָּבָא מְצִיעָא נט.)**: ״אוֹקִירוּ לִנְשַׁיְכוּ כִּי הֵיכִי דְּתִתְעַתְּרוּ״, זַייט מְכַבֵּד אַייעֶר וַוייבּ וֶועט אִיר וֶוערְן רַייךְ; אַז מֶען אִיז מְכַבֵּד דִי וַוייבּ - דָאס בְּרֶענְגְט שֶׁפַע אִין שְׁטוּבּ, אוּן אוֹיךְ אַז מֶען מַאכְט אִיר פְּרֵיילִיךְ, מֶען גֶעבְּט אִיר גוּטֶע וֶוערְטֶער - דָאס בְּרֶענְגְט הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה אִין שְׁטוּבּ; נָאכְדֶעם הָאט מֶען שׁוֹין אַלֶע בְּרָכוֹת.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

**מֶעג מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר קִינְדֶער צוּרִיק צוּ שְׁלָאגְן?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק אוּן הַדְרָכָה, סְפֶּעצִיעֶל וֶועגְן חִינוּךְ הַיְלָדִים, אַלְס אַ מַאמֶע צוּ מַיינֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶערְלֶעךְ הֶעלְפְט מִיר דָאס זֵייעֶר אַסאךְ אַרוֹיס, אוּן צוּבִּיסְלִיךְ כַאפּ אִיךְ מֶער אוּן מֶער וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף רֶעדְן אוּן הַאנְדְלֶען מִיט דִי קִינְדֶער.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט דֶערְצֵיילְט אִיבֶּער אַ פֶּעשֶׁע אִינְגְל וָואס הָאט גֶעזָאגְט פַּאר מוֹהֲרָא"ש אַז קִינְדֶער טְשֶׁעפֶּען אִים, מוֹהֲרָא"ש הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל טֵיילְן פֶּעטְשׁ אוּן פוּן דֶעמָאלְט הָאט מֶען אִים אוֹיפְגֶעהֶערְט טְשֶׁעפֶּען, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז וֶוען אַ קִינְד הָאט נִישְׁט קַיין זֶעלְבְּסְטְזִיכֶערְקֵייט לָאזְט עֶר זִיךְ טְשֶׁעפֶּען אוּן שְׁלָאגְן פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן מֶען דַארְף אִים גֶעבְּן דִי שְׁטַארְקֵייט.

אִיךְ בִּין נִישְׁט קְלָאר אִין דֶעם, אִיז דָאס דִי וֶועג בִּכְלָלִיּוּת אַזוֹי אוֹיסְצוּלֶערְנֶען פַאר קִינְדֶער, צוּם בֵּיישְׁפִּיל אוֹיבּ אִיז דָא אַ מֵיידְל וָואס צִיפְּט כְּסֵדֶר מַיין טָאכְטֶער, זָאל אִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען מַיין טָאכְטֶער אִיר צוּרִיק צוּ גֶעבְן אַ צִיפּ? אוֹיבּ אַ צְווֵייטֶע מֵיידְל טַאנְצְט אַרוֹיף אוֹיף אִיר, זָאל זִי אִיר צוּרִיק טוּן דִי זֶעלְבֶּע?

אֵיין טָאג הָאט מַיין אִינְגְל מִיר דֶערְצֵיילְט אַז אַנְדֶערֶע קִינְדֶער הָאבְּן אִים גֶעטְשֶׁעפֶּעט אוּן חוֹזֶק גֶעמַאכְט, סְתָּם קִינְדֶערִישׁ, גֶערֶעדְט נַארִישׁ, אוּן אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר קֶען צוּרִיק טוּן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ פַּאר זֵיי, עֶר הָאט זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט פוּן דֶעם גֶעדַאנְק, מַיין שְׁאֵלָה אִיז נָאר אוֹיבּ אִיז טַאקֶע רִיכְטִיג אַזוֹי אוֹיסְצוּלֶערְנֶען פַאר קִינְדֶער, צוּ נְקָמָה נֶעמֶען אוּן שְׁלָאגְן? עֶס זֶעט מִיר נִישְׁט אוֹיס וִוי דָאס אִיז אַ וֶועג וִוי אַ אִיד מֶעג זִיךְ פִירְן.

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר גֶעבְן דִי רִיכְטִיגֶע הַדְרָכָה אִין דֶעם עִנְיָן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ"ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַוַדַאי אוּן אַוַדַאי דַארְף מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער מִידוֹת טוֹבוֹת אוּן נִישְׁט טוּן נְקָמָה, אָבֶּער אַז עֶס קוּמְט אַ קִינְד מִיט שְׁלֶעכְטֶע נַאטוּרְן אוּן טְרֶעפְט אַ שְׁוַואכֶע קִינְד אוּן טוּט אִים מַזִּיק זַיין - דַארְף מֶען זִיךְ אַלֵיין

רַאטֶעוֶוען, אוּן עֶס שְׁטֵייט קְלָאר אִין דִי פּוֹסְקִים (חֹשֶׁן מִשְׁפָּט סִימָן תכא, סְעִיף י): "יֵשׁ לוֹ רְשׁוּת לְשֵׁנִי לַחֲבוֹל, כְּדֵי לְהַצִּיל עַצְמוֹ בּוֹ", מֶען מֶעג יֶענֶעם שֶׁעדִיגְן כְּדֵי זִיךְ צוּ בַּאשִׁיצְן.

אַז אַייעֶר זוּן אָדֶער טָאכְטֶער דֶערְצֵיילְט טָאג נָאךְ טָאג אַז אַ קִינְד טוּט אִים רוֹדְפְ׳ן - דַארְף מֶען דָאס קוֹדֶם פֶעסְטְשְׁטֶעלְן אוֹיבּ אִיז דָאס נִישְׁט קַיין דִמְיוֹן, אוּן אַז מֶען זֶעט אַז דָאס אִיז אֱמֶת - פְּרוּבִּירְט מֶען מִיט גוּטְן, אָדֶער רֶעדְט מֶען צוּ יֶענֶעמְ׳ס עֶלְטֶערְן, אָדֶער אִיז מֶען יֶענֶעם מְשַׁחֵד מִיט נַאשֶׁערֵייעֶן, אוּן אַז עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט - דַארְף מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען דָאס קִינְד זָאל יֶענֶעם גֶעבְּן טוֹעֵם זַיין פוּן דִי מַאֲכָלִים וָואס עֶר קָאכְט.

מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּת יָגֵן עָלֵינוּ הָאט דֶערְצֵיילְט, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פוּן סַאטְמֶער הָאט אַמָאל אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט דָאס אוֹיפְנֶעמֶען דִי מֶענְטְשְׁן, וֶוען אַ פְּרוּ׳ אִיז אַרַיינְגֶעלָאפְן מִיט אַ גֶעוֵויין אַז אִיר מַאן שְׁלָאגְט אִיר אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶערוּפְן דֶעם גַבַּאי ר׳ יוֹסְל אַשְׁכְּנַזִי עֶר זָאל שׁוֹין גֵיין רוּפְן אִיר מַאן. וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען הָאט דֶער רֶבִּי גֶענוּמֶען דֶעם שְׁטֶעקְן, עֶר הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן גֶעבְּן מַכּוֹת אוּן גֶעזָאגְט: "מִן הַסְתָּם הָאסְטוּ נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְזוּכְט קְלֶעפּ, ווייל אִיךְ דוּ זָאלְסְט שְׁפִּירְן ווי אַזוֹי דָאס שְׁפִּירְט וֶוען דוּ שְׁלָאגְסְט דַיין וַוייבּ".

אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי קִינְדֶער, אַמָאל קֶען זַיין אַז דִי קִינְדֶער וָואס שְׁלָאגְן, צִיפְּן אוּן טְשֶׁעפֶּען הָאבְּן נָאכְנִישְׁט פַארְזוּכְט דֶעם טַעַם, דַארְף מֶען זֵיי דָאס גֶעבְּן צוּ שְׁפִּירְן.

לֶערְנְט אוֹיס אַייעֶרֶע קִינְדֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אַנְדֶערֶע, קֵיינְמָאל נִישְׁט וֵויי טוּן אַנְדֶערֶע, אוּן אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט וֵויי גֶעטוּן אָדֶער גֶעטְשֶׁעפֶּעט - טָאר מֶען נִישְׁט מַאכְן קַיין נְקָמָה, אָבֶּער בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה וֶוען אֵיינֶער שְׁלָאגְט, צִיפְּט - מֶעג מֶען זִיךְ בַּאשִׁיצְן.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג פַאר גוּטֶע קִינְדֶער. מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ ווי אַזוֹי עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזֶעלְכֶע גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "יֶעדֶע נַאכְט בִּשְׁעַת אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט תִּיקּוּן חֲצוֹת הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעפִילְט אַ כּוֹס מִיט טְרֶערְן, אִיךְ

הָאב גֶעבֶּעטְן פַאר גוּטֶע קִינְדֶער"; דָאס אִיז דֶער וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וֶוער עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶער רֶבִּי פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וֶוער עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶער רֶבִּי פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן? אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט ווִיסְן אוֹיבּ דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאלְטְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן פוּן הֵיילִיגְן מַגִּיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ"ג תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן **לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אִין שְׁטוּבּ פוּן זַיין גְרוֹיסְן זֵיידְן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דָארְט הָאט עֶר גֶעהֶערְט מַעֲשִׂיּוֹת פוּן זֵיידְן, דִי מַעֲשִׂיּוֹת הָאבְּן אִים אוֹיפְגֶעפְלַאקֶערְט זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס הָאט אִים גֶעמוּטִיגְט אוּן גֶעטְרָאגְן צוּ גֵיין אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע וֶועג.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין רֶבִּי, דִי מַעֲשִׂיּוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַלְס קִינְד - דָאס הָאט אִים גֶעמַאכְט זֵייעֶר בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס מֶערְסְטֶע הָאט אִים זֵייעֶר גֶעכַאפְּט דִי מַעֲשֶׂה וִוי אַזוֹי זַיין זֵיידֶע אִיז גֶעבּוֹירְן אוּן דָאס גֶעזֶעגֶענֶען פוּן זַיין טַאטֶע; דִי לֶעצְטֶע וֶוערְטֶער וָואס זַיין טַאטֶע הָאט אִים גֶעזָאגְט, וִוי דָאס הָאט אִים גֶעשְׁטַארְקְט.

דִי מַעֲשֶׂה גֵייט אַזוֹי, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז

גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן צוּ אַלְטֶע עֶלְטֶערְן, זַיין פָּאטֶער רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר אִיז אַלְט גֶעוֶוען הוּנְדֶערְט יָאר אוּן זַיין מַאמֶע שָׂרָה אִיז שׁוֹין אוֹיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר אַלְט; זַיין מַאמֶע אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן גְלַייךְ וֶוען זִי הָאט גֶעבּוֹירְן דֶעם הֵיילִיג קִינְד יִשְׂרָאלִיק, שְׁפֶּעטֶער וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז אַלְט גֶעוֶוען פִינְף יָאר הָאט אִים זַיין טַאטֶע גֶערוּפְן צוּ זִיךְ אוּן אִים גֶעזָאגְט בָּזֶה הַלָּשׁוֹן: **"יִשְׂרָאלִיק! אִיךְ גֵיי יֶעצְט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, כְּדֶרֶךְ כָּל הָאָרֶץ, גֶעדֶענְק אָבֶּער אַז דוּ בִּיסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, בַּיי דִיר אוּן נֶעבְּן דִיר - זָאלְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם"**, אוּן מִיט דִי וֶוערְטֶער אִיז עֶר נִפְטָר גֶעוָוארְן.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אֵיינֶער אַלֵיין אִין אַ גְרוֹיסֶע וֶועלְט, אָבֶּער עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקְט זַיין טַאטֶע׳ס לֶעצְטֶע וֶוערְטֶער: "גֶעדֶענְק, דוּ בִּיסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, בַּיי דִיר אוּן נֶעבְּן דִיר - זָאלְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם"; מִיט דִי וֶוערְטֶער הָאט עֶר גֶעלֶעבְּט אוּן הָאט דָאס אוֹיסְגֶעפִירְט לְמַעֲשֶׂה, וָואס עֶר הָאט נָאר גֶעדַארְפְט הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בִּיז אֵיינְמָאל הָאט עֶר שְׁפַּאצִירְט אִין וַואלְד בְּשַׁעַת עֶר הָאט גֶעזִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִינְמִיטְן זֶעט עֶר וִוי עֶס קוּמְט צוּ גֵיין אַ מֶענְטְשׁ אוּן פְרֶעגְט אִים: "וָואס טוּסְטוּ דָא אַלֵיין אִין וַואלְד?" רוּפְט עֶר זִיךְ אָן צוּ אִים: "אִיךְ בִּין נִישְׁט אַלֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא מִיט מִיר", רוּפְט זִיךְ אָן דֶער מֶענְטְשׁ: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ אוֹיבְן אִין הִימְל, עֶר אִיז זֵייעֶר הוֹיךְ, עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דִי וֶועלְט", אוּן עֶר לֵייגְט צוּ אַז עֶס אִיז אַ בְּפֵירוּשׁ׳עֶ פָּסוּק (יְחֶזְקֵאל ח, יב): "עָזַב ה׳ אֶת הָאָרֶץ"; (וָואס בֶּאֱמֶת שְׁטֵייט דָארְט אַז מֶען זָאל נִישְׁט זָאגְן אַזוֹי וִוי דִי וָואס זָאגְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט נִישְׁט וָואס מֶען טוּט אִין דִי פִינְסְטֶערְנִישׁ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז פַארְלָאזְט).

דֶער מֶענְטְשׁ הָאט וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען צוּ רֶעדְן צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב קֶעגְן דִי אֱמוּנָה, הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעכַאפְּט אַ צְוַוייג פוּן דֶער עֶרְד אוּן אִים אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ שְׁלָאגְן, אוּן גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף יֶענֶעם דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים צב, י): "יִתְפָּרְדוּ כָּל פֹּעֲלֵי אָוֶן", פְּלוּצְלוּנְג זֶעט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב וִוי עֶר אִיז

נִישְׁטָא, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז פָּשׁוּט גֶעוֶוען אַן אוֹיג פַארְבְּלֶענְדֶענִישׁ פוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם.

פוּן דֶעמָאלְט אִיז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעוָוארְן נָאךְ שְׁטֶערְקֶער אִין דִי אֱמוּנָה, עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם ווִיל אִים אַיינְרֶעדְן צוּ טְרַאכְטְן קֶעגְן דִי אֱמוּנָה - הָאט עֶר זִיךְ נָאךְ אַסַאךְ מֶער גֶעשְׁטַארְקְט.

דִי מַעֲשֶׂה הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעהֶערְט וֶוען עֶר אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד; וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַרַיין אִין אִים אַ מוֹרָא'דִיגֶע חֵשֶׁק צוּ וֶוערְן אַ צַדִיק, עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט, 'אִיךְ ווִיל דָאךְ אוֹיךְ זַיין אַ צַדִיק, אַז אִיךְ וֶועל טוּן וָואס מַיין זֵיידֶע הָאט גֶעטוּן, אִיךְ וֶועל אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועל אִיךְ אוֹיךְ וֶוערְן אַ צַדִיק'.

נָאכְן הֶערְן דִי מַעֲשֶׂה אִיז דֶער רֶבִּי גְלַייךְ אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם צִיוּן פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטֶער: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִיק, אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וְכוּ' וְכוּ'"**; בִּיז דֶער רֶבִּי הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען.

אוֹיף דִי פְרַאגֶע אוֹיבּ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאלְטְן פוּן הֵיילִיגְן מַגִיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ אוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ; וָואס אִיז בִּכְלַל דִי פְרַאגֶע? קוּק אַרַיין אִין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן (סִימָן תקנג) וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט פוּן דִי הֵיילִיגְקֵייט פוּן דִי צַדִיקִים, בַּאזוּנְדֶער וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט דֶעם הֵיילִיגְן מַגִיד: "וּפַעַם אַחַת סִפְּרוּ לְפָנָיו מִצַּדִּיק אֶחָד, שֶׁאָמַר עַל הָרַב הַמַּגִּיד הַקָּדוֹשׁ רַבִּי דֹּב", מֶען הָאט אַמָאל דֶערְצֵיילְט פַארְן רֶבִּי'ן אַז אַ צַדִיק הָאט גֶעזָאגְט אוֹיפְן מַגִיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ: "שֶׁבְּכָל הִסְתַּכְּלוּת שֶׁהָיָה הַמַּגִּיד זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה מִסְתַּכֵּל", וִוי דֶער מַגִיד קוּקְט נָאר, "רָאָה כָּל הַשִּׁבְעָה רוֹעִים", זֶעט עֶר דִי זִיבְּן פַּאסְטוּכֶער; אַבְרָהָם, יִצְחָק, יַעֲקֹב וְכוּ' וְכוּ'; "וְהֵשִׁיב רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה", הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "עַל הַמַּגִּיד זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה יֵשׁ לְהַאֲמִין הַכֹּל", וָואס מֶען זָאגְט נָאר אוֹיפְן מַגִיד - דַארְף מֶען גְלֵייבְּן, "וְכֵן עוֹד הַפְלָגוֹת גְּדוֹלוֹת שֶׁהִפְלִיג בְּעִנְיַן קְדֻשַּׁת הַמַּגִּיד

זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. וְאֵין כָּאן [מָקוֹם] לְבָאֲרָם", און נָאךְ אַסַאךְ גְרוֹיסֶע זַאכְן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אוֹיפְן מַגִּיד.

אוֹיךְ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק, הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט. אַזוֹי ווִי רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, שָׁם): "וְכֵן כְּשֶׁרָאָה אֶת הַסֵּפֶר הַקָּדוֹשׁ נֹעַם אֱלִימֶלֶךְ", וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזֶען דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר 'נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ', "הִתְפַּלֵּא מְאֹד", הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי זֵייעֶר פַארְוואוּנְדֶערְט אוֹיף דִי הֵיילִיגְקֵייט פוּנֶעם סֵפֶר, "וְאָמַר שֶׁקְּדֻשַּׁת מַעֲלַת הָרַב הַקָּדוֹשׁ רַבִּי אֱלִימֶלֶךְ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה נִשְׂגָּבָה לְמַעְלָה לְמַעְלָה מִמַּה שֶּׁנִּרְאֶה וּמוּבָן מִתּוֹךְ סִפְרוֹ הַנַּ"ל", און דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: דֶער סֵפֶר אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג, אָבֶּער דֶער צַדִּיק - דֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ - אִיז נָאךְ אַסַאךְ גְרֶעסֶער פוּן דֶעם סֵפֶר.

אוֹיךְ הָאט מוֹהֲרָא"שׁ מְקוּבָּל פוּן בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים אַז אֵיינֶער פוּן דִי אַכְט זְקֵנִים וָואס הָאבְּן גֶעדֶענְקְט וָואס הָאט זִיךְ גֶעטוּן מִיט זֵיי אֵיידֶער זֵיי זֶענֶען גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן (דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס, דִי עֶרְשְׁטֶע טָאג), אֵיינֶע פוּן זֵיי אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק, וָואס רֶבִּי נָתָן אִיז מַסְבִּיר (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת תְּפִילִין, הֲלָכָה ה) וָואס זֵיי זֶענֶען אַנְטְקֶעגְן דִי אַכְט פַּרְשִׁיּוֹת פוּן תְּפִילִין.

אַלֶע יָארְן פְלֶעגְן בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים פָארְן קַיין לִיזֶענְסְק צוּם צִיּוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ. מֶען קֶען זֶען אִין דִי אַלְטֶע צֵייטוּנְגֶען פוּן פַארְן קְרִיג ווִי זֵיי בַּאשְׁרַייבְּן: "דִי אוּמַאנֶער חֲסִידִים קוּמֶען גָאר אַסַאךְ קַיין לִיזֶענְסְק"; נִישְׁט נָאר קַיין לִיזֶענְסְק, צוּ אַלֶע קִבְרֵי צַדִּיקִים זֶענֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ גֶעפָארְן, אַלֶע יָארְן וֶוען עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא גֶעפָארֶעכְץ צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים, זֶענֶען אָבֶּער אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ גֶעפָארְן.

לֶערְן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים - וֶועסְטוּ זֶען ווִי שְׁטַארְק בַּאלִיבְּט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען בַּיי דִי צַדִּיקִים, און אַלֶע לָשׁוֹן הָרָע'ס וָואס אִיז דָא אוֹיפְן רֶבִּי'ן - אִיז נָאר פוּן אֵיין בַּעַל מַחֲלֹקֶת, וָואס עֶר הָאט גֶעמַאכְט דִי גַאנְצֶע מַחֲלֹקֶת און פוּן דֶעם לַיידְן מִיר און מֶען פַארְשֶׁעמְט אוּנְז.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אַיינְגֶעטֵיילְט אוֹיפְ'ן חוֹדֶשׁ, אִיז גֶעמַאכְט פַּאר יֶעדְן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְּרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם לוּחַ וָואס אִיז אַיינְגֶעטֵיילְט צוּ לֶערְנֶען גַאנְץ לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אִין אַ חוֹדֶשׁ, אִיז דָאס גֶעמַאכְט פַּאר יֶעדְן אֵיינֶעם? אוּן אֶפְשָׁר קֶען אִיךְ בַּאקוּמֶען דֶעם לוּחַ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - א' פַּרְשַׁת דְּבָרִים, כ"ח תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִינֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שמט): "שֶׁיְּכוֹלִין לִהְיוֹת נַעֲשֶׂה בַּעַל תְּשׁוּבָה גָּמוּר", מֶען קֶען וֶוערְן אַן אֱמֶת'ער בַּעַל תְּשׁוּבָה - "עַל יְדֵי לִמּוּד הַסֵּפֶר שֶׁלּוֹ", אַז מֶען לֶערְנְט לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. "וְאָמַר, שֶׁמִּי שֶׁיֵּשֵׁב וְיַעֲסֹק בִּסְפָרָיו רַק בְּלִי קִנְטוּר וְנִצָּחוֹן, וְיִסְתַּכֵּל בּוֹ בֶּאֱמֶת", נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר מִיט אַן אֱמֶת, "אָז בְּוַדַּאי יִהְיוּ נִבְקָעִין אֶצְלוֹ כָּל גִּידֵי קַשְׁיוּת לְבָבוֹ", וֶועט זִיךְ אִים עֶפֶענֶען אַלֶע פַארְשְׁטָאפְּטֶע אָדֶערְן אוּן עֶר וֶועט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, "סֶע וֶועט אִים אַלֶע אָדֶערְן טְרֶענֶען".

עֶס זֶענֶען דָא תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ וָואס עֶנְדִיגְן יֶעדְן חוֹדֶשׁ דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. אָנְגֶעהוֹיבְּן הָאט זִיךְ דָאס וֶוען אֵיינֶער פוּן דִי בָּחוּרִים זֶענֶען אַמָאל גֶעוֶוען בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ אִין צִימֶער אוּן גֶעזֶען וִוי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זִיךְ אָנְגֶעצֵייכֶנְט אַ לוּחַ צוּ עֶנְדִיגְן יֶעדֶע חוֹדֶשׁ דֶעם סֵפֶר, דֶער בָּחוּר הָאט דָאס אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן פַּאר זִיךְ אוּן אַזוֹי אִיז דָאס פַארְשְׁפְּרֵייט גֶעוָוארְן צְוִוישְׁן תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אוּן עַד הַיּוֹם זֶענֶען דָא וָואס לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן דֶעם סֵפֶר יֶעדְן חוֹדֶשׁ, אוּן מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זֵייעֶר אוֹיסְלוֹיבְּן אוּן זִיךְ בַּארִימֶען מִיט דֶער זַאךְ.

אָבֶער אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט דַארְף מֶען וִויסְן אַז מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן אַז מֶען קֶען נִישְׁט טוּן אַסַאךְ, נִישְׁט יֶעדֶער אִיז מְסוּגָל אוֹיף דֶעם; דַארְף מֶען כָאטְשִׁיג יֶעדְן טָאג עֶפֶּענֶען דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר אוּן לֶערְנֶען וִויפִיל מֶען קֶען, מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן: "מְעַט גַם כֵּן טוֹב", אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט.

מַאךְ זִיךְ צְוֵויי שִׁיעוּרִים אִין סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן; אֵיינְס אַ שְׁנֶעלֶע שִׁיעוּר, לֶערְנֶען אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, אוּן נָאךְ אַ שִׁיעוּר בְּעִיּוּן. וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שמו) "טוֹב לִקְבֹּעַ לְעַצְמוֹ שְׁנֵי שִׁעוּרִים לִלְמֹד סְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים", עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען הָאבְּן צְוֵויי שִׁיעוּרִים אִין זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים, "שִׁעוּר אֶחָד פָּשׁוּט", אֵיין שִׁיעוּר לֶערְנֶען פָּשׁוּט, "לִלְמֹד בִּמְהִירוּת הַרְבֵּה מְאֹד", לֶערְנֶען זֵייעֶר שְׁנֶעל, "כְּדֵי שֶׁיִּהְיֶה שָׁגוּר בְּעַל פֶּה", בִּיז מֶען וֶועט דָאס קֶענֶען אוֹיף אוֹיסְנֶוויינִיג, "וְשִׁעוּר אֶחָד לִלְמֹד בְּעִיּוּן גָּדוֹל", אוּן אֵיין שִׁיעוּר גוּט פַארְשְׁטֵיין, "כִּי יֵשׁ עַמְקוּת גָּדוֹל וְנִפְלָא בִּסְפָרָיו", וַוייל עֶס לִיגְט זֵייעֶר טִיפֶע זַאכְן אִין דִי סְפָרִים.

אוֹיךְ וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט פוּן חִבּוּט הַקֶּבֶר; לֶערְנֶען לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן רַאטֶעוֶועט פוּן דִי בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע עוֹנְשִׁים אִין קֵבֶר. אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"ש זָאגְט בְּשֵׁם רֶבִּי נָתָן, וָואס הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם: "אִינְגֶערְמַאן, לֶערְן דֶעם סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, וַוייל אַ גוּף וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט דֶעם לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן - וֶועלְן דִי וֶוערֶעם נִישְׁט בַּייסְן אִין קֵבֶר".

דָא הָאסְטוּ דֶעם לוּחַ וָואס מֶען הָאט גֶעפוּנֶען בַּיי מוֹהֲרָא"ש אִין צִימֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ סֵדֶר צוּ עֶנְדִיגְן דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר "לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן" יֶעדְן חוֹדֶשׁ

| טאג | פון סימן | ביז סימן |
|---|---|---|
| א | א | ו |
| ב | ו | ט |
| ג | ט | יג |
| ד | יג | יח |
| ה | יח | כא |
| ו | כא | כג |
| ז | כג | כט |
| ח | כט | לב |
| ט | לב | לח |
| י | לח | מט |
| יא | מט | נה |
| יב | נה | נז |
| יג | נז | סא |
| יד | סא | סד |
| טו | סד | סו |
| טז | סו | ע |
| יז | ע | עט |
| יח | עט | קו |
| יט | קו | קנא |
| כ | קנא | קצא |
| כא | קצא | רמו |
| כב | רמו | א (חלק ב) |
| כג | א | ה |
| כד | ה | ח |
| כה | ח | יז |
| כו | יז | מט |
| כז | מט | עב |
| כח | עב | פג |
| כט | פג | הסוף |
| ל | כל השיחות ממעלת תורתו<br>שנדפס בסוף הספר | |

...

### וֶוען און וויפִיל זָאגְט מֶען "הוֹדוּ לַה' כִּי טוֹב" בַּיי הַלֵּל?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כָּל דַארְף אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאב בַּאקוּמֶען פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א דוּרְךְ דִי דְרָשׁוֹת און דִי בְּרִיוו, וָואס סֵיי אִיךְ און סֵיי מַיין וַוייב נֶעמֶען חִיזּוּק פוּן דֶעם.

אִיךְ הָאב גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וֶועגְן זָאגְן הַלֵּל, יֶעדֶעס מָאל מֶען זָאגְט הַלֵּל וֶוער אִיךְ צֶעמִישְׁט ווִי אַזוֹי עֶס אַרְבֶּעט בַּיי "הוֹדוּ לַה' כִּי טוֹב", נָאךְ יֶעדֶע שְׁטִיקְל פוּן "יֹאמַר" דַארְף מֶען נָאכְאַמָאל זָאגְן הוֹדוּ לַה'? אִיז אַ חִילּוּק בַּיי דֶעם אוֹיב מֶען זָאגְט הַלֵּל בְּצִיבּוּר אָדֶער בִּיְחִידוּת? אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ בַּאקוּמֶען אַ קְלָארְקֵייט אִין דֶעם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ נָאכְאַמָאל אוֹיף דִי קוּנְטְרֵס "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה" יֶעדֶע וָואךְ, אִיךְ טְרֶעף דָארְט אַן עֶנְטְפֶער אוֹיף אַלֶע מַיינֶע שְׁאֵלוֹת און סְפֵיקוֹת.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - א' פַּרְשַׁת דְּבָרִים, כ"ח תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז מֶען זָאגְט הַלֵּל מִיט מִנְיָן, זָאגְט דֶער עוֹלָם דִי עֶרְשְׁטֶע צְוֵויי פְּסוּקִים: 'הוֹדוּ לַה'' און דֶער פָּסוּק 'יֹאמַר נָא יִשְׂרָאֵל', און וֶוען דֶער בַּעַל תְּפִלָּה זָאגְט: 'יֹאמַר נָא יִשְׂרָאֵל' - חָזֶרְט מֶען אִיבֶּער נָאכְאַמָאל דֶעם פָּסוּק: 'הוֹדוּ לַה' כִּי טוֹב כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ', נָאכְדֶעם זָאגְט דֶער עוֹלָם דִי דְרִיטֶע פָּסוּק: 'יֹאמְרוּ נָא בֵית אַהֲרֹן', און וֶוען דֶער בַּעַל תְּפִלָּה זָאגְט: 'יֹאמְרוּ נָא בֵית אַהֲרֹן' - חַזֶר'ט מֶען אִיבֶּער נָאכְאַמָאל דֶעם פָּסוּק: 'הוֹדוּ לַה' כִּי טוֹב כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ', און דֶער עוֹלָם זָאגְט דִי פֶערְטֶע פָּסוּק: 'יֹאמְרוּ נָא יִרְאֵי ה'', און וֶוען דֶער בַּעַל תְּפִלָּה זָאגְט: 'יֹאמְרוּ נָא יִרְאֵי ה'' - חַזֶרְט מֶען אִיבֶּער נָאכְאַמָאל דֶעם פָּסוּק: 'הוֹדוּ לַה' כִּי טוֹב כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ'.

וֶוען מֶען זָאגְט הַלֵּל בִּיְחִידוּת - זָאגְט מֶען נִישְׁט אִיבֶּער דֶעם פָּסוּק 'הוֹדוּ

לַה׳׳; עֶס זֶענֶען דָא וָואס נֶעמֶען צְוֵויי מֶענְטְשְׁן זָאלְן עֶנְטְפֶערְן דֶעם פָּסוּק ׳הוֹדוּ לַה׳ כִּי טוֹב כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׳.

בֶּעסֶער אִיז מֶען זָאל זָאגְן הַלֵּל מִיט מִנְיָן, וַוייל עֶס אִיז דָא שִׁיטוֹת וָואס זָאגְן, אַז אוֹיב מֶען זָאגְט הַלֵּל רֹאשׁ חוֹדֶשׁ בְּיְחִידוּת - זָאל מֶען נִישְׁט מַאכְן אַ בְּרָכָה; מִיר פַּסְקְ׳נֶען טַאקֶע נִישְׁט אַזוֹי, מִיר מַאכְן יָא אַ בְּרָכָה - אֲפִילוּ וֶוען מֶען זָאגְט הַלֵּל בְּיְחִידוּת.

אַז מֶען רֶעדְט שׁוֹין פוּנֶעם פָּסוּק ׳הוֹדוּ לַה׳׳ קֶען מֶען נִישְׁט אַוֶועק גֵיין אָן אִיבֶּער חַזֶר׳ן וָואס מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ טַייטְשְׁט אוֹיף דֶעם פָּסוּק, מִיט דִי הַקְדָּמָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וָואס עֶר פְלֶעגְט זָאגְן: ״וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אָפּ, זָאגְט מֶען אִין הִימְל: ׳קוּקְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, מֶען גֶעבְּט אִים גוּטְס אוּן דָאךְ רֶעדְט עֶר זִיךְ אָפּ, וֶועט מֶען אִים וַוייזְן וָואס מֵיינְט שְׁלֶעכְט׳, פַארְקֶערְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאגְט מֶען אִין הִימְל ׳קוּקְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר אִיז אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אוּן דַאנְקְבַּאר, מֶען וֶועט אִים וַוייזְן וָואס מֵיינְט גוּט׳, אוּן מֶען גֶעבְּט אִים אַ גוּטֶע לֶעבְּן״; מִיט דֶעם טַייטְשְׁט מוֹהֲרָא״שׁ, אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט ׳הוֹדוּ לַה׳ כִּי טוֹב׳ - דֶעמָאלְט וֶועט זַיין ׳כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׳, אַז מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאגְט ׳כִּי טוֹב ה׳׳ - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט - דֶעמָאלְט ׳כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׳.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### פַארְוָואס פַיינִיג אִיךְ אוּן אִיךְ טְשֶׁעפֶּע אַזוֹיפִיל מַיין מַאן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ שְׁלֶעכְטֶע וַוייבּ, מַיין מַאן אִיז אַ נְשָׁמָה'לֶע נֶעבֶּעךְ, אִיךְ הַאלְט עֶס נִישְׁט אוֹיס פַאר אִים.

אוּנְזֶער בֶּעבִּי וֶועקְט אוּנְז אוֹיף זֵייעֶר אַסַאךְ אִינְמִיטְן נַאכְט, לֶעצְטֶע וָואךְ אֵיין נַאכְט

הָאט דִי בֶּעבִּי אוּנְז אוֹיפְגֶעוֶועקְט, אוּן מִיר זֶענֶען בֵּיידֶע גֶעוֶוען זֵייעֶר נֶערְוֶועז, רוּף אִיךְ מִיךְ אָן צוּ אִים: "אַזֶעלְכֶע עֶקְלְדִיגֶע מִידוֹת קוּמְט אַרוֹיס פוּן דִיר וֶוען דוּ בִּיסְט פַארְשְׁלָאפְן", הָאט עֶר מִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי וֶוען אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט, דוּ הָאסְט מִיר אַזוֹי גֶעמַאכְט".

אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבְּן שְׁטִיל מִיט טְרֶערְן אִין מַיין הַאלְז. עֶס הָאט מִיר אַזוֹי גֶעשְׁטָאכְן, וַוייל אִיךְ וֵוייס וִוי אֱמֶת עֶס אִיז, אִיךְ פַּיינִיג אִים. הַיינְט הָאבְּן מִיר גֶעהַאט אַ טַעֲנָה'רֵיי, אִיךְ הָאבּ אִים גוּט וֵויי גֶעטוּן. רוּפְט עֶר זִיךְ אָן: "אִיךְ גֵיי אָנְהוֹיבְּן זִיךְ אוֹיפְפִירְן אַנְדֶערְשׁ", הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט: "דֶעמָאלְט גֵייסְטוּ בְּלַייבְּן אַלֵיין שְׁנֶעלֶער וִוי דוּ מֵיינְסְט", זָאגְט עֶר: "אֶפְשָׁר וֶוען אִיךְ וֶועל זַיין אַלֵיין וֶועל אִיךְ מֶער אוֹיפְטוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט", עֶר זָאגְט: "אַלְס בָּחוּר פְּלֶעג אִיךְ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ"; אוֹי טוּט דָאס וֵויי, אִיךְ וֵויין יֶעצְט פוּן מִיר אַלֵיין.

אִיךְ דַארְף הִילְף, אִיךְ דַארְף אַן עֵצָה, אִיךְ הָאבּ אַ קְרַאנְקֶע מַחֲלָה פוּן שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן. אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, אָבֶּער אִיךְ זֶע נִישְׁט אַז עֶפֶּעס זָאל זִיךְ רוּקְן, אִיךְ הֶער אוּן אִיךְ קֶען אַלֶע שִׁיעוּרִים, אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ דַארְף אִים שֶׁעצְן אוּן לִיבּ הָאבְּן אוּן זַיין אַ קְלוּגֶע פְרוֹי, אִיךְ וֵוייס פִּינְקְטְלִיךְ וָואס אִיךְ דַארְף וֶוען זַיין, אִיךְ קֶען זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט הֶעלְפְן, עֶר וֶוערְט נֶעבֶּעךְ גֶעפַּיינִיגְט, אִיךְ הַאלְט עֶס נִישְׁט אוֹיס.

אַוַודַאי וֶוערְט עֶר נֶערְוֶועז יֶעדֶעס מָאל וֶוען אִיךְ רוּף אִים, אִיךְ וָואלְט אוֹיךְ גֶעוָוארְן נֶערְוֶועז פוּן מִיר אַלֵיינְס. עֶר אִיז אַזוֹי וואוֹיל אַז עֶר טוּט מִיר גַארְנִישְׁט צוּרִיק. אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען זוּכְן הִילְף, אוּן אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - א' פַּרְשַׁת דְּבָרִים, כ"ח תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אוֹיסַארְבֶּעטְן דִי מִידוֹת - אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג, אוּן אַז מֶען אַרְבֶּעט דָאס נִישְׁט אוֹיס אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן - אִיז שְׁפֶּעטֶער זֵייעֶר שְׁוֶוער דָאס לֶעבְּן; אַ רַחְמָנוּת פַאר דִי קִינְדֶער וָואס מֶען אִיז זֵיי נִישְׁט מְחַנֵּךְ, עֶס אִיז זֵיי שְׁפֶּעטֶער בִּיטֶער אִין לֶעבְּן.

דֶער פָּסוּק זָאגְט: "וְעַיִר פֶּרֶא אָדָם יִוָּלֵד" (אִיוֹב יא, יב), אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט

גֶעבּוֹירְן מִיט שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת, וְוי אַן אֵייזֶל אָן שֵׂכֶל; מֶען מֵיינְט 'אַלֶעס קוּמְט זִיךְ מִיר', מֶען מֵיינְט 'יֶעדֶער קוּמְט מִיר', אוּן עֶס לִיגְט אַ פְלִיכְט אוֹיף עֶלְטֶערְן אוֹיסְצוּלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער צוּ וִויסְן אַז 'נִישְׁט אַלֶעס וָואס מֶען ווִיל - בַּאקוּמְט מֶען', אוּן אַז 'קֵיינֶער קוּמְט מִיר גָארְנִישְׁט'.

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יג, כד): "חוֹשֵׂךְ שִׁבְטוֹ שׂוֹנֵא בְנוֹ", עֶלְטֶערְן וָואס מוּסָרְ'ן נִישְׁט דִי קִינְדֶער - דִי הָאבְּן פַּיינְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, "וְאֹהֲבוֹ שִׁחֲרוֹ מוּסָר", אוּן דִי עֶלְטֶערְן וָואס מוּסָרְ'ן דִי קִינְדֶער - דִי הָאבְּן לִיבּ זֵייעֶרֶע קִינְדֶער; וַוייל דִי עֶלְטֶערְן וָואס מוּסָרְ'ן נִישְׁט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער - וֶועלְן דִי קִינְדֶער אַרוֹיסְגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

אַז מֶען הָאט אַייךְ נִישְׁט גֶעהָאלְפְן אַלְס קִינְד אוֹיסְאַרְבֶּעטְן דִי שְׁוֶוערֶע נַאטוּרְן, מֶען הָאט אַייךְ אַלֶעס נָאכְגֶעגֶעבְּן - אִיז פַאר אַייךְ גֶעבְּלִיבְּן אֵיין עֵצָה, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אַייךְ אוּן אַייךְ הֶעלְפְן אוֹיסְאַרְבֶּעטְן דִי מִידוֹת; אִיר זָאלְט רֶעדְן שֵׁיין צוּ אַנְדֶערֶע אוּן בִּפְרַט צוּ אַייעֶר מַאן, אִיר זָאלְט וִויסְן אַז קֵיינֶער קוּמְט אַייךְ גָארְנִישְׁט אוּן וָואס אִיר הָאט - אִיז אַלֶעס נָאר מַתָּנוֹת; וַוייל אַז מֶען אִיז שְׁלֶעכְט צוּם מַאן, מֶען רֶעדְט נִישְׁט שֵׁיין, מֶען פַארְלַאנְגְט אַ גַאנְצְן צַייט - קֶען מֶען בְּלַייבְּן אַלֵיין הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, אוֹת טז) וֶוען עֶר הָאט גֶעהַאט זַיינֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת - אִיז עֶר גֶעוֶוען אִין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, "הָיָה צוֹעֵק לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מְאֹד", עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "עַד שֶׁזָּכָה לְהִתְגַּבֵּר עַל יִצְרוֹ וּלְהִנָּצֵל", בִּיז עֶר הָאט זִיךְ גֶעקֶענְט שְׁטַארְקְן אוֹיף זַיין יֵצֶר הָרָע אוּן וֶוערְן גֶעראַטֶעוֶועט, בִּיז עֶר הָאט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט.

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען בְּטֶבַע שְׁלֶעכְט, פְּרֶעכֶע בַּעֲלֵי גַּאֲוָה, אוּן מִיט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת הָאבְּן זֵיי זִיךְ אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט אוּן גֶעוָוארְן גוּט; זֵיי הָאבְּן גֶענוּמֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת עֶרְנְסְט, זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי הָאבְּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען, גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ בִּין אַ שְׁלֶעכְטֶער, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבּ מִיר גוּטֶע נַאטוּרְן, מַאךְ מִיךְ רֶעדְן שֵׁיין צוּ אַנְדֶערֶע, גֶעבּ מִיר

**אַ גוּטֶע הַארְץ, אַ רֵיינֶע הַארְץ", און זֵיי הָאבְּן זִיךְ אִינְגַאנְצְן גֶעטוֹישְׁט צוּם גוּטְן.**

וֶועט אִיר נֶעמֶען עֶרְנְסְט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצָה, אִיר וֶועט יֶעדְן טָאג בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן – וֶועט אִיר זִיכֶער זִיךְ טוֹישְׁן, אִיר וֶועט וֶוערְן אַ גוּטֶער, אִיר וֶועט הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת און דִי שְׁכִינָה וֶועט רוּעֶן בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**גֵיי נִישְׁט אַרוֹיס בַּיינַאכְט מִיט חֲבֵרִים, בְּלַייבּ אִין שְׁטוּבּ**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת קֹרַח, ד׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

טֵייעֶרֶער ..., גֵיי נִישְׁט אַרוֹיס בַּיינַאכְט מִיט חֲבֵרִים, בְּלַייבּ אִין שְׁטוּבּ; בּוֹי דַיין שְׁטוּבּ, בּוֹי דַיין לֶעבְּן. דַיין וַוייבּ הָאט דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ, זִי וַוארְט אוֹיף דִיר, זִי ווִיל פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִיר, זִי אִיז אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן אַז דוּ גֵייסְט נַאכְט נָאךְ נַאכְט מִיט חֲבֵרִים; זִי ווִיל יָא מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט דִיר אוּן בְּלַייבְּן מִיט דִיר אוּן דִי קִינְד זָאל הָאבְּן עֶלְטֶערְן.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, דַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער הָאבְּן אַזוֹי אַרוֹיסְגֶעקוּקְט אוּן זִיךְ גֶעפְרֵייט אַז זֵיי הָאבְּן בַּאקוּמֶען אַן אֵיידֶעם וָואס הָאט שַׁיְיכוּת מִיט הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, וַוייז זֵיי וָואס הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִיז אוּן לָאז מִיר ווִיסְן וָואס דַיין פְּלַאן אִיז, זֵיי ווִילְן נִישְׁט דִי שְׁטוּבּ זָאל צוּזַאמְפַאלְן.

חֲבֵרִים לַאכְן צוּם מֶענְטְשׁ, אָבֶער בְּעֵת צָרָה וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִיר, בְּעֵת צָרָה זֶעט מֶען זִיךְ אֵיינֶער אַלֵיין; לָאז זִיךְ אָפּ פוּן חֲבֵרִים וָואס בְּרֶענְגֶען נִישְׁט קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

**וֶוער עֶס צָאלְט שְׂכַר לִימּוּד, וֶועט זֶען שֵׁיינֶע נַחַת**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת חֻקַּת בָּלָק, ח' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׂכַר לִימּוּד אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף צָאלְן, שְׂכַר לִימּוּד אִיז נִישְׁט דִי לֶעצְטֶע זַאךְ, עֶס אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט; אִיךְ דַארְף צָאלְן מְלַמְּדִים, טִיטְשֶׁערְס, זֵיי לֶערְנֶען מִיט דַיינֶע קִינְדֶער; זֵיי מוּזְן ווערְן וֶוערְן בַּאצָאלְט אִין צַייט.

אִיךְ הָאבּ אַרָאפְּגֶענוּמֶען פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דִי גְרוֹיסֶע קָאסְטְן פוּן צָאלְן קֶעמְפּ. אַזַא זַאךְ אִיז נָאכְנִישְׁט דָא אִין אַנְדֶערֶע קְהִלּוֹת; מֶענְטְשְׁן צָאלְן פַּאר יֶעדֶע קִינְד שְׁוֶוערֶע טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער פַּאר דִי זוּמֶער וָואכְן, אִיךְ ווִיל נִישְׁט שְׁוֶוער מַאכְן פַּאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. מִיר בֶּעטְן דָאפְּלְט שְׂכַר לִימּוּד פַּאר דִי צְוֵויי חֳדָשִׁים פוּן זוּמֶער, זָאל מֶען דָאס בַּאצָאלְן אִין צַייט.

דֶער עִיקָר בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער דַארְף זַיין חִינּוּךְ הַבָּנִים; מִיר וָואלְטְן אַלֵיין גֶעדַארְפְט זִיצְן אַ גַאנְצְן טָאג מִיט דִי קִינְדֶער לֶערְנֶען תּוֹרָה, נָאר וָואס דֶען? מֶען שְׁטֶעלְט אַ שָׁלִיחַ; מֶען מַאכְט דִי מְלַמְּדִים פַּאר שְׁלִיחִים זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען, דַארְף מֶען בַּאצָאלְן.

דֶער וָואס צָאלְט שְׂכַר לִימּוּד - דֶער וֶועט זֶען שֵׁיינֶע נַחַת. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פוּן סַאטְמֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעפְרֶעגְט דִי הַנְהָלָה פַארְוָואס נִישְׁט אַלֶע עֶלְטֶערְן צָאלְן שְׂכַר לִימּוּד, אַזוֹי ווִי מֶען צָאלְט אַנְדֶערֶע זַאכְן, ווִי לֶעקְטֶער אוּן גַאז, וְכַדוֹמֶה; הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט, ווַייל דִי אַנְדֶערֶע זַאכְן אַז מֶען צָאלְט נִישְׁט - הַאקְט מֶען אָפּ; אַז מֶען צָאלְט נִישְׁט קַיין לֶעקְטֶער - הַאקְט מֶען אָפּ דִי לֶעקְטֶער, אַז מֶען צָאלְט נִישְׁט קַיין גֶעז - הַאקְט מֶען אָפּ דִי גֶעז, הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן: "וֶוער זָאגְט אַז בַּיי שְׂכַר לִימּוּד אִיז נִישְׁט אַזוֹי? בַּיי שְׂכַר לִימּוּד הַאקְט מֶען אוֹיךְ אָפּ דִי סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא פוּן הִימְל פַּאר דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן מַצְלִיחַ זַיין אוּן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן".

הָאבּ נִישְׁט צוּטוּן מִיט לֵצִים, אוּן טַעֲנָה זִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם; בְּעִיקָר גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג פוּן דִי צְבוּעִים. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה כב): "הִזָּהֲרוּ מִן הַצְּבוּעִים", גֶעבְּט זִיךְ אַכְטוּנְג פוּן דִי וָואס זֶעעֶן אוֹיס ווִי פִּנְחָס אוּן טוּעֶן מַעֲשֵׂה זִמְרִי; דִי אַלֶע וָואס שְׁפֶּעטְן פוּן לֶערְנֶען אוּן שְׁפֶּעטְן

פוּן צַדִּיקִים וָואס זֶענֶען מְגַלֶּה דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי וֶועלְט, מֶעגְן זֵיי זִיךְ דְרֵייעֶן צְווִישְׁן אוּנְז אוּן טְרָאגְן דֶעם נָאמֶען בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד (הַיְנְט) - דִי זֶענֶען בַּעֲלֵי עֲבֵירָה, גְרוֹיסֶע נוֹאֲפִים; עֶס מַאכְט נִישְׁט אוֹיס וִוי אַזוֹי זֵיי שְׁטֶעלְן זִיךְ אַהֶער פוּן אִינְדְרוֹיסְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי אַלֶף-בֵּית הָאט גֶערַאטֶעוֶועט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, שִׁבְעָה עָשָׂר בְּתַמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק
לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, זַיי מַמְשִׁיךְ מִיטְן אַרוֹיסְגֶעבְּן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים וָואס זֶענֶען אַזוֹי מְחַיֶּ' אוּן מְחַזֵּק טוֹיזְנְטֶער אִידְן; דַיין זְכוּת אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס אוֹיבְן אִין הִימְל.

דָא הָאסְטוּ נָאךְ אַ חֵלֶק פוּן דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי נְסִיעָה פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, פַאר דִי קִינְדֶער עֲצָתוֹ אֱמוּנָה.

"רַאטֶעוֶועט... ! רַאטֶעוֶועט... ! דֶער רֶבִּי זָאל עֶפֶּעס טוּן, מֶען גֵייט אוּנְז כִּמְעַט הַרְגְ'עֶנֶען !"

אַלֶע לִיגְן גֶעבִּינְדְן, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב, דֶער תַּלְמִיד רֶבִּי צְבִי אוּן דִי צַדֶּיקֶת אָדְל; אַ בַּאנְדֶע יַם רוֹיבֶּערְס הָאבְּן בַּאפַאלְן דִי שִׁיף פוּנֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דִי רוֹיבֶּערְס זֶענֶען נִישְׁט פְּשׁוּטְ'עֶ רוֹיבֶּערְס וָואס זוּכְן גֶעלְט, זֵיי זֶענֶען פוּן דִי בַּאקַאנְטֶע שְׁרֶעקֶעדִיגֶע גְרוּפֶּע מֶענְטְשְׁן פְרֶעסֶערְס, זֵיי הַרְגְ'עֶנֶען מֶענְטְשְׁן אוּן עֶסְן אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן; זֵיי זֶענֶען שְׁרֶעקְלִיכֶע רוֹצְחִים.

דֶער תַּלְמִיד פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וֵויינְט, עֶר זָאגְט: "רֶבִּי טוּט עֶפֶּעס, רֶבִּי מַאכְט אַ נֵס". דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב בְּלַייבְּט שְׁטִיל, עֶר זָאגְט שְׁטִילֶערְהֵייט: "אִיךְ הָאבּ אַלֶעס פַארְגֶעסְן, אִיךְ דֶענְק גָארְנִישְׁט", אָדְל צוּאֵווייְנְט זִיךְ, זִי זָאגְט: "טַאטֶע, רַאטֶעוֶועוע אוּנְז, דִי רוֹיבֶּערְס גֵייעֶן אוּנְז שֶׁחְטְ'ן אוּן אוּנְז אוֹיפְעֶסְן", דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זָאגְט: "אִיךְ דֶענְק גָארְנִישְׁט";

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב לִיגְט גֶעבִּינְדְן אוֹיף דֶער עֶרְד, עֶר זָאגְט גָארְנִישְׁט, עֶר קוּקְט אַרוֹיף צוּם הִימְל, עֶר גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זָאגְט: "אֶפְשָׁר דֶענְקְסְטוּ עֶפֶּעס?" "אִיךְ גֶעדֶענְק נָאר דִי א׳ ב׳" - עֶנְטְפֶערְט דֶער תַּלְמִיד, זָאגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב: "אוֹיבּ אַזוֹי, הוֹיבּ אָן זָאגְן אַן אוֹת נָאךְ אַן אוֹת, אִין אַ רֵייעֶ פוּן דִי א׳ ב׳, אוּן אִיךְ וֶועל דִיר נָאכְזָאגְן".

"א... ב... ג... ד..." דֶער תַּלְמִיד שְׁרֵייט דִי אוֹתִיּוֹת אוּן דֶער בַּעַל שֵׁם טֹב זָאגְט נָאךְ אוֹת בַּיי אוֹת... "ח... ט... י..."; וֶוען מֶען הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי אוֹתִיּוֹת הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם זִיךְ אַלֶעס דֶערְמַאנְט אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר שְׁטַארְק בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַ נֵס, מֶען הָאט פְּלוּצְלוּנְג גֶעהֶערְט וִוי שִׁיפְן פַייפְן; דִי רוֹיבֶּערְס הָאבְּן זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן אוּן זֶענֶען אַנְטְלָאפְן, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט זִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר לֶערְנֶען זִיךְ פוּן דִי מַעֲשֶׂה אַז מֶען זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיבּ מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי צוּ בֶּעטְן - קֶען מֶען בֶּעטְן אוֹיף דִי א׳ ב׳; צוּם בֵּיישְׁפִּיל: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל הָאבְּן אֶ׳מוּנָה אִין דִיר, בּ׳טָחוֹן אִין דִיר, גְ׳לֵייבְּן אִין דִיר, דַ׳אוֶוענֶען צוּ דִיר, הָ׳אפְן צוּ דִיר" - אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

אַרוֹיסְכַאפְּן גוּטֶע זַאכְן דָא אוּן דָארְט, אִיז חָשׁוּבֶ׳ער פוּן אַ מַלְאָךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ"ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ וִויל דִיר זָאגְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט פוּן דִיר אַזַא נַחַת רוּחַ, עֶר הָאט אַ פַארְגֶענִיגְן פוּן דִיר, וִוי דוּ כַאפְּסְט אַרוֹיס מִצְוָה׳לֶעךְ, דוּ כַאפְּסְט אַרוֹיס גוּטֶע זַאכְן אִין דַיינֶע טִרְדוֹת, אִין דַיינֶע בִּלְבּוּלִים וְכוּ׳ וְכוּ׳.

דוּ מֵיינְסְט דָאס אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט... דַיין פְּלַאן אִיז, אֵיין טָאג וֶועסְטוּ נָאךְ וֶוערְן אַ מַלְאָךְ, אַלֶעס אָפְּלָאזְן וְכוּ׳ וְכוּ׳; אִין הִימְל לַאכְט מֶען

פון דִי סָארְט פְלֶענֶער, אִין הִימְל בִּיסְטוּ מֶער חָשׁוּב וִוי אַ מַלְאָךְ, מַלְאָכִים אִיז דָא גֶענוּג אִין הִימְל.

מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט, דֶער הֵיילִיגֶער מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעהַאט אַ מִנְהָג אַלֶע יָארְן מוֹצָאֵי רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּ מַאכְן אַ סְעוּדָה אוּן דֶערְצֵיילְן פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, עֶר הָאט דָאס גֶעוואוּסְט מִיט זַיין רוּחַ הַקוֹדֶשׁ אוּן אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעזֶען אִין הִימְל וָואס זֵיי הָאבְּן גֶע'פּוֹעֶל'ט. אֵיין יָאר בַּיי דִי סְעוּדָה אִיז דָארְט גֶעזֶעסְן דֶער וַואסֶער טְרֶעגֶער פוּן שְׁטָאט, עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעוָואלְט וִויסְן וָואס מֶען הָאט אִים אָנְגֶעשְׁרִיבְּן אִין הִימְל, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִיד: "רֶבִּי, וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן אוּן וָואס הָאט מֶען מִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט?" הָאט דֶער הֵיילִיגֶער מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִים גֶעזָאגְט: "דוּ הָאסְט גֶעוֵויינְט בַּיים דַאוֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַארְוָואס דַיין פַּרְנָסָה אִיז צוּ זַיין אַ וַואסֶער טְרֶעגֶער, הָאסְט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דָאס יָאר ווִילְסְטוּ זִיצְן אַ גַאנְצְן טָאג אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ אוּן זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי מוּטְשֶׁען מִיטְן בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, דוּ ווִילְסְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גְרִינְגֶערְהֵייט"; דֶער וַואסֶער טְרֶעגֶער זָאגְט פַארְן מַגִיד: "אֱמֶת, דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן", אוּן עֶר פְרֶעגְט דֶעם מַגִיד: "וָואס הָאט מֶען מִיר אָנְגֶעשְׁרִיבְּן אִין הִימְל", זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִיד: "אִין הִימְל הָאט מֶען גֶעלַאכְט פוּן דִיר, אִין הִימְל הָאט מֶען גֶעזָאגְט, 'אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיצְן אַ גַאנְצְן טָאג אִין שׁוּל - וָואס דַארְף מֶען דִיךְ הָאבְּן?' דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָן אַ שִׁיעוּר מַלְאָכִים וָואס דִינֶען אִים - אָן זִיךְ מוּטְשֶׁען אוֹיף פַּרְנָסָה אוּן אָן קַיין יֵצֶר הָרָע, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל דַוְקָא הֶערְן דַיינֶע קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים וָואס דוּ כַאפְּסְט אַרוֹיס אִינְמִיטְן דַיין אַרְבֶּעט, עֶר ווִיל הֶערְן וִוי דוּ לוֹיבְּסְט אִים וֶוען עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער".

דִי וָואךְ גֵייעֶן צְוֵויי סֶדְרוֹת - מַטּוֹת אוּן מַסְעֵי; זַיי מַעֲבִיר סֶדְרָה, וַוארְט נִישְׁט בִּיז סוֹף וָואךְ.

אַ גְרוּס פוּן שְׁטֶעטְל, עֶס אִיז אַ מְחַיֶ' דָא צוּ זַיין, אוֹיךְ אַ גְרוּס פוּן יְשִׁיבָה; דֶעם זוּמֶער זֶענֶען דָא אַ גְרוּפֶּע בָּחוּרִים, עֶרְלִיכֶע מִיט שֵׂכֶל; אִיךְ הָאבּ הֲנָאָה יֶעדֶע רֶגַע דָא צוּ זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**שְׁלִיס דִיךְ אָן אִין דִי קָאמְפֵּיין צוּ זַאמְלֶען גֶעלְט פַאר אוּנְזֶער מוֹסָד**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ"ג תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר מַאכְן אַלֶע יָארְן אַ קָאמְפֵּיין פַאר דִי מוֹסָד, אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט זִיךְ אָנְשְׁלִיסְן אִין דִי קָאמְפֵּיין צוּ זַאמְלֶען גֶעלְט פַאר אוּנְזֶער מוֹסָד.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט פַּטְרְ'ן צוּ גֶעבְּן דַיין אֵייגֶענֶע גֶעלְט, ווַייל אֵייגֶענֶע גֶעלְט הָאבּ אִיךְ מֶער פוּן דִיר; נִישְׁט דָאס דַארְף אִיךְ, אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט אַרוֹיסְגֵיין אִין גַאס צוּ דַיינֶע חֲבֵרִים, דַיין מִשְׁפָּחָה, דַיינֶע בַּאקַאנְטֶע - זֵיי בֶּעטְן צְדָקָה פַאר בְּרֶסְלֶב.

מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, אִין שְׁטָאט קְרָאקָא, דֶער שְׁטָאט וואוּ דֶער הֵיילִיגֶער רְמָ"א אִיז גֶעוֶוען רָב - הָאט גֶעוואוֹינְט אַ שִׁיכּוֹר יַעֲנְקֶעלֶע, עֶר פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג נָאכְן עֶנְדִיגְן אַרְבֶּעטְן נֶעמֶען דִי גֶעלְט וָואס עֶר הָאט פַארְדִינְט אוּן דָאס אוֹיסְטְרִינְקֶען. אֵיינְמָאל הָאט עֶר גֶעהֶערְט ווִי אַן אָרֶעמֶע פְרוֹי אַן אַלְמָנָה זִינְגְט זִיךְ אַזוֹי אוּנְטֶער: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, יַעֲנְקֶעלֶע גֵייט טְרִינְקֶען בִּיר אוּן בְּרוֹינְפְן אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אוֹיף שַׁבָּת צוּ מַאכְן", יַעֲנְקֶעלֶע שִׁיכּוֹר הָאט דָאס גֶעהֶערְט אוּן עֶר הָאט דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרָאפְּשְׁלִינְגֶען, עֶר הָאט גֶענוּמֶען דָאס גֶעלְט אוּן גֶעלֵייגְט בַּיי דִי טִיר פוּן דִי אַלְמָנָה, עֶר אִיז אַהֵיים אוּן עֶר אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן.

יֶענֶע נַאכְט, דֶער רְמָ"א זִיצְט אִין שְׁטוּבּ אוּן לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, פְּלוּצְלוּנְג קוּמְט אַרַיין דֶער אִיד יַעֲנְקֶעלֶע אוּן זָאגְט: "אִיךְ רוּף דִיךְ צוּ דִין תּוֹרָה אוֹיבְן אִין הִימְל", דֶער רְמָ"א הָאט גֶעמֵיינְט עֶר מַאכְט שְׁפַּאס, דֶער יַעֲנְקֶל אִיז גֶעוֶוען אַ בַּאקַאנְטֶער שִׁיכּוֹר פוּן קְרָאקָא, עֶר הָאט זִיךְ נֶעבֶּעךְ גֶעוַואלְגֶערְט אִין דִי גַאסְן, נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט טְרִינְקֶען. דֶער רְמָ"א זָאגְט אִים: "שְׁטֶער מִיךְ נִישְׁט פוּן לֶערְנֶען, מַאךְ נִישְׁט חוֹזֶק פוּן מִיר", אָבֶער

יַעֲנְקֶעלֶע דֶער שִׁיכּוֹר זָאגְט: "דֶער רָב זָאל מִיר גְלֵייבְּן, אִיךְ בִּין שׁוֹין אַ נִפְטָר, אִיךְ הָאבּ אַ טַעֲנָה צוּם רָב".

דֶער רְמָ"א הָאט זִיךְ אַבִּיסְל דֶערְשְׁרָאקְן, עֶר טְרַאכְט 'וִוי אַזוֹי אִיז עֶר אַרֵיינְגֶעקוּמֶען צוּ מִיר אִין שְׁטוּבּ? עֶס אִיז דָאךְ פַארְשְׁפַּארְט דִי טִיר, זֶעט אוֹיס עֶס אִיז נִישְׁט קַיין וִויץ'. עֶר פְרֶעגְט אִים: "וָואס אִיז דַיין טַעֲנָה אוֹיף מִיר?" זָאגְט עֶר: "דֶער רָב פְלֶעגְט אַלְץ גֵיין נָאךְ גֶעלְט אָבֶּער דֶער רָב אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ מִיר בֶּעטְן צְדָקָה, יֶעצְט וֶוען אִיךְ בִּין אַ נִפְטָר זֶע אִיךְ אַז צְדָקָה רַאטֶעוֶועט פוּן טוֹיט, צְדָקָה נֶעמְט אַרָאפּ אַלֶע עוֹנְשִׁים, פַארְוָואס הָאט דֶער רָב נִישְׁט גֶעבֶּעטְן פוּן מִיר גֶעלְט?" הָאט דֶער רְמָ"א גֶעזָאגְט: "בִּיזְט גֶערֶעכְט, גֵיי צוּם בֵּית דִין שֶׁל מַעֲלָה אוּן זָאג 'אִיךְ רֶבִּי מֹשֶׁה אִיסֶרְלִישׁ טוּ תְּשׁוּבָה, אוּן פוּן הַיינְט אָן גֵיי אִיךְ מְזַכֶּה זַיין יֶעדְן אֵיינֶעם מִיט דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה'".

מֶען הָאט גֶעשְׁטֶעלְט אַן אָפִּיס נֶעבְן מַיין שְׁטוּבּ אִין שְׁטֶעטְל, קוּם אַרֵיין אוּן זַיי אַ חֵלֶק פוּן שַׁאפְן צְדָקָה פַאר דִי מוֹסָד. אִיךְ וִויל נִישְׁט זָאלְסְט זִיךְ פַּטָרְ'ן מִיט גֶעבְן אֵייגֶענֶע גֶעלְט, אִיךְ וִויל זָאלְסְט גֵיין נָאךְ גֶעלְט, וַוייל גֵיין נָאךְ גֶעלְט אִיז אַ תִּיקוּן פַאר אַלֶע פְּגָמִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין דֶעם קְלֵיינֶעם סֵפֶר צַוָואַת מוֹהֲרָ"א"שׁ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ"ד תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

וִויפִיל דַארְפְן מִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר וֵוייסְן פוּן אַזַא רֶבִּי, אַזַא רַחְמָנוּת'דִיגֶער רֶבִּי, אַזַא דֶערְבַּארֶעמְדִיגֶער רֶבִּי וָואס אִיז אוּנְז מְחַיֶ' אוּן מְחַזֵק אַ גַאנְצְן צַייט, אוּן פַאר זַיינֶע הֵיילִיגֶע תַּלְמִידִים וָואס שַׁיינֶען אוּנְז אַ לִיכְטִיגְקֵייט, מִיר זָאלְן זִיךְ מְחַזֵק זַיין שְׁטֶענְדִיג מִיט אֱמוּנָה.

דוּ הָאסְט אַזוֹיפִיל סְטְרֶעס אוּן אַזוֹיפִיל זַאכְן וָואס גֵייעֶן דִיר נִישְׁט וִוי דוּ ווִילְסְט, אֶפְשָׁר אִיז כְּדַאי זָאלְסְט זִיךְ חַזֶרְ'ן דִי וֶוערְטֶער וָואס מוֹהֲרָ"א"שׁ הָאט

אוּנְז גֶעשְׁרִיבְּן אִין זַיין צַוָאָה; דִי וֶוערְטֶער וֶועלְן דִיר זִיכֶער אַרֵיינְבְּלָאזְן פְרִישֶׁע כֹּחוֹת אוּן דוּ וֶועסְט בַּאקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה.

מוֹהֲרָא"שׁ בֶּעט אוּנְז (צַוָואַת מוֹהֲרָא"שׁ, אוֹת יד): "מַיינֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן **תַּלְמִידִים, אִיר דַארְפְט וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז דָאס לֶעבְּן פוּן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁוֶוער אוּן בִּיטֶער, מֶען פְּרוּבִּירְט אוֹיס יֶעדְן מֶענְטְשׁ מִיט אַנְדֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן דָאס אַלֶעס אִיז נָאר מִיטְן צִיל צוּ זֶען צוּ וֶועם דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ וֶוענְדְן וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיף אִים אַ צָרָה.**

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אַייךְ אַז אִיר זָאלְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צוּבְּרֶעכְן פוּן קַיין שׁוּם שְׁוֶועריִקֵייט וָואס גֵייט אוֹיף אַייךְ אַרִיבֶּער סַיי בְּגַשְׁמִיוּת אוּן סַיי בְּרוּחְנִיוּת. אִיר זָאלְט אַייךְ פְּרוּבִּירְן צוּ הַאלְטְן פְרֵיילִיךְ אוּן לוּסְטִיג דֶעם גַאנְצְן לֶעבְּן. שִׂמְחָה אִיז דֶער כְּלִי אַרָאפּ צוּ בְּרֶענְגֶען אַלֶע יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת. וִוי מֶער פְרֵיילִיךְ אַ מֶענְטְשׁ אִיז, אַלְץ אַ גְרֶעסֶערֶע אוּן שֶׁענֶערֶע יְשׁוּעָה בְּרֶענְגְט עֶר אַרָאפּ. שִׂמְחָה בְּרֶענְגְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ הַרְחָבַת הַדַעַת, אוּן וֶוען מֶען הָאט הַרְחָבַת הַדַעַת קֶען מֶען מְקַבֵּל זַיין אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט, מֶען קֶען מְקַבֵּל זַיין אַלֶע רוּחְנִיוּת'דִיגֶע אוֹרוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֱמֶת אִיז אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶערְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן אוּן עֶר דֶערְהַאלְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, עֶר פִּירְט דִי וֶועלְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, **אוּן דָאס אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ צָרוֹת אוּן יִסוּרִים אִיז נָאר צוּ אוֹיסְלַייטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ. דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ שְׁוֶוערֶע גוּף, וָואס מֶען קֶען נִישְׁט אוֹיסְלַייטֶערְן נָאר דוּרְךְ שְׁוֶועריקַייטְן אוּן יִסוּרִים.**

דֶערִיבֶּער דַארְפְט אִיר זִיךְ פְרֵייעֶן וֶוען אִיר הָאט יִסוּרִים, חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ט) "טוֹב מְאֹד זוּ מִדַּת יִסוּרִין, שֶׁעַל יָדֶיהָ הַבְּרִיוֹת בָּאִים לְחַיֵּי עוֹלָם הַבָּא" - דִי יִסוּרִים וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט, אִיז זֵייעֶר גוּט פַאר אִים, וַוייל דָאס בְּרֶענְגְט אִים צוּ חַיֵּי עוֹלָם הַבָּא. דֶערִיבֶּער דַארְפְט אִיר זִיךְ פְרֵייעֶן אַז אִיר בַּאקוּמְט דִי יִסוּרִים וָואס וֶועט אוֹיסְלַייטֶערְן אֵייעֶר גוּף פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעקְלֶעבְּט אִין אִיר.

גֶעדֶענְקְט גוּט וָואס דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ה.) כָּל שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא חָפֵץ בּוֹ, מְדַכְּאוֹ בְּיִסּוּרִין. וְאִם קִבְּלוֹ בְּאַהֲבָה, יִרְאֶה זֶרַע יַאֲרִיךְ יָמִים" – וֶועם דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ, שִׁיקְט עֶר אִים יִסוּרִים, אוּן אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז עֶס מְקַבֵּל בְּאַהֲבָה, וֶועט עֶר הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער אוּן אַ לַאנְג לֶעבְּן.

מַיינֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן? אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן וִויפִיל יִסוּרִים אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ אִיךְ הָאבּ גֶעלִיטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִיךְ הָאבּ מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אֵיין גוּטְן טָאג אִין מַיין לֶעבְּן, אָן קַיין גֻּזְמָא. אִיךְ הָאבּ יֶעדְן טָאג גֶעוֵויינְט פוּן דִי פִילֶע צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט פוּן אַלֶע זַייטְן, פוּן אִינֶעוֵוייניג אוּן פוּן אִינְדְרוֹיסְן. אָבֶּער אִיךְ הָאבּ זִיךְ שְׁטֶענְדִיג גֶעטְרֵייסְט מִיט דֶעם אַז בָּרוּךְ ה' אִיךְ גְלֵייבּ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ וֵויס אַז אַלֶעס הָאט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן, אַלֶעס וֶוערְט גֶעפִירְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, אוּן אִיךְ בִּין נָאר אַנְטְלָאפְּן שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאר דָאס הָאט מִיר גֶעהָאלְפְּן אִיבֶּערְקוּמֶען מַיינֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים.

דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר אוֹיךְ טוּן דִי זֶעלְבֶּע, אִיר זָאלְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט הָאבְּן קַיין טַעֲנוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ נִישְׁט אָפְּרֶעדְן אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. גֶעדֶענְקְט וָואס דִי חֲזַ"ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא תֵּצֵא) "צָרִיךְ הָאָדָם לְהַחְזִיק טוֹבָה לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בִּזְמַן שֶׁהַיִּסּוּרִין בָּאִין עָלָיו, לָמָּה? שֶׁהַיִּסּוּרִין מוֹשְׁכִין אֶת הָאָדָם לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא" – אַ מֶענְטְשׁ דַארְף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶר שִׁיקְט אִים יִסוּרִים. פַארְוָואס? וַוייל דִי יִסוּרִים שְׁלֶעפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. נָאךְ זָאגְן דִי חֲזַ"ל (סִפְרֵי וָאֶתְחַנַּן) "יְהֵא אָדָם שָׂמֵחַ בְּיִסּוּרִין יוֹתֵר מִן הַטּוֹבָה, שֶׁאִילוּ הָאָדָם בְּטוֹבָה אֵין נִמְחָל לוֹ עָוֹן שֶׁבְּיָדוֹ, וּבְיִסּוּרִין נִמְחָל לוֹ" – אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ מֶער פְרֵייעֶן מִיט דִי יִסוּרִים וָואס עֶר בַּאקוּמְט וִוי מִיט דִי גוּטְס וָואס עֶר בַּאקוּמְט, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נָאר גוּטְס וֶועט עֶר מִיט דֶעם נִישְׁט אָפְּקוּמֶען זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אָבֶּער וֶוען עֶר הָאט יִסוּרִים וֶועט דָאס אָפְּמֶעקְן אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

*

אִיךְ הָאבּ דִיר מַעְתִּיק גֶעוֶוען אַ חֵלֶק פוּן דִי אוֹת; הַלְוַאי וָואלְסְטוּ זִיךְ

גֶעמַאכְט אַ שִׁיעוּר אִין דֶעם קְלֵיינֶעם סֵפֶר צַוָּואַת מוֹהֲרָא"שׁ, אוּן דָאס גֶעלֶערְנְט - וָואלְסְטוּ נִישְׁט אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן גֶעוָוארְן פוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס גֵייט אוֹיף דִיר אִיבֶּער.

בְּנוֹגֵעַ דֶעם קָאמְפֵּיין; אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט הֶעלְפְן צוּזַאמְנֶעמֶען גֶעלְט פַאר דַיין מוֹסָד, אִיךְ הָאף דוּ שֶׁעמְסְט זִיךְ נִישְׁט מִיט מִיר אוּן דוּ וֶועסְט בֶּעטְן אַלֶע דַיינֶע בַּאקַאנְטֶע זָאלְן הֶעלְפְן דַיין מוֹסָד.

הַיינְט נַאכְט וֶועט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם זַיין דִי וֶועכֶנְטְלִיכֶע לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר אִין שְׁטֶעטְל, אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל רָאזֶענְבֶּערְג הִינְטְן בַּיי דִי בָּחוּרִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וואוֹיל אִיז אַייךְ אַז אִיר זֶענְט מְחַזֵּק אַייעֶר מַאן מִיט זַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - א' פַּרְשַׁת דְּבָרִים, כ"ח תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

וואוֹיל אִיז אַייךְ אוּן וואוֹיל אִיז אַייעֶר חֵלֶק אַז אִיר זֶענְט מְחַזֵּק אַייעֶר מַאן עֶר זָאל טוּן זַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, אִיר זֶענְט וִוילִיג עֶר זָאל טוּן דִי אַלֶע אַרְבֶּעט וָואס עֶר טוּט פַארְן כְּלַל.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת יז.): "גְּדוֹלָה הַבְטָחָה שֶׁהִבְטִיחָן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לַנָּשִׁים יוֹתֵר מִן הָאֲנָשִׁים", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּגֶעזָאגְט שְׂכַר פַאר פְרוֹיעֶן מֶער וִוי פַאר דִי מֶענֶער, וַוייל אִין זֵייעֶר זְכוּת אִיז דָא תּוֹרָה בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אִין זֵייעֶר זְכוּת שְׁטֵייט דִי וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט זֶען נַחַת בַּיי אַייעֶרֶע קִינְדֶער גֶעזוּנְטֶערְהֵייט, לִיכְטִיגֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת.

...

**עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת אַז מֶען הָאט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט בַּיי עֶנְק דֶעם סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - א' פַּרְשַׁת דְּבָרִים, כ"ח תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד הָרַב ... שְׁלִיטָ"א**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

לִיגְנְט, שֶׁקֶר וְכָזָב, נִישְׁט אֱמֶת וָואס אִיר זָאגְט אַז מֶען הָאט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט בַּיי עֶנְקֶער גֶזַע דֶעם סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן; דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים הָאבְּן יָא גֶעלֶערְנְט דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, בִּפְרַט דִי בָּאבּוּב'עֶר גֶזַע.

עֶס אִיז בַּאוְוּיסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער דִּבְרֵי חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט לֶערְנֶען לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז מַיין שַׁבָּת סֵפֶר". אַזוֹי אוֹיךְ דֶער בָּאבּוּב'עֶר רֶבִּי, רֶבִּי נַפְתָּלִי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט, אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב הָאט אָנְגֶערוּפְן דֶעם סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן: "מַיין שַׁבָּת סֵפֶר".

גֶעבְּט זִיךְ אַכְטוּנְג פוּן קְרִיגְן אוֹיף צַדִּיקִים. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ב, י): "הֱוֵי זָהִיר בְּגַחַלְתָּן", גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג פוּן רֶעדְן אוֹיף צַדִּיקִים וָואס זֶענֶען בְּרֶענֶעדִיגֶע קוֹילְן, "שֶׁלֹּא תִכָּוֶה", זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט אָפְּבְּרִיעֶן, "שֶׁנְּשִׁיכָתָן" וַוייל אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט אַ צַדִּיק אִיז דָאס אַזוֹי וִוי אַ בִּיס, "נְשִׁיכַת שׁוּעָל" פוּן אַ פוּקְס, "וַעֲקִיצָתָן עֲקִיצַת עַקְרָב", אוּן אַ בִּיס פוּן אַן עֶגְדִיס, "וּלְחִישָׁתָן לְחִישַׁת שָׂרָף", אוּן אַ בִּיס פוּן אַ בְּרֶענֶעדִיגֶע שְׁלַאנְג, "וְכָל דִּבְרֵיהֶם כְּגַחֲלֵי אֵשׁ" אוּן אַלֶע זֵייעֶרֶע וֶוערְטֶער זֶענֶען בְּרֶענֶעדִיגֶע פֵייעֶר; וַוייל (שַׁבָּת קיט:): "כָּל הַמְבַזֶּה תַּלְמִיד חָכָם אֵין לוֹ רְפוּאָה לְמַכָּתוֹ", אוּן אֵיינֶער וָואס אִיז מְבַזֶּה סְפָרִים פוּן אַ צַדִּיק וָואס אִיז מְגַלֶּה דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז דָאךְ זִיכֶער נִישְׁטָא קַיין הֵיילוּנְג פַאר זַיין קְרֶענְק.

...

## אַ שְׁנִיר מִיט אַ שְׁוִויגֶער פַאַרְטְרָאגְן זִיךְ נִישְׁט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - א' פַּרְשַׁת דְּבָרִים, כ"ח תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן, אַ שְׁנִיר מִיט אַ שְׁוִויגֶער פַאַרְטְרָאגְן זִיךְ נִישְׁט, אַ שְׁוִויגֶער הָאט פַיינְט אִיר שְׁנִיר. מוֹהַרְנַ"שׁ זָאגְט, דִי שְׁוִויגֶער אִיז מְקַנֵּא אִיר שְׁנִיר פוּן נַארִישֶׁע קִנְאָה, זִי טְרַאכְט 'אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעפְּלָאגְט אַלֶע יָארְן מִיט מַיין זוּן אוּן יֶעצְט קוּמְט דִי שְׁנִיר אוּן נֶעמְט אִים אַוֶועק', (נִישְׁט אַלֶע זֶענֶען אַזוֹי אָבֶּער זֵייעֶר אַסַאךְ טְרַאכְטְן אַזוֹי).

וֶוערְט נִישְׁט צֶעפַאלְן אַז אַייעֶר שְׁוִויגֶער מַאכְט אַייךְ אַוֶועק, מִישְׁט זִיךְ אַרַיין אִין אַייעֶר לֶעבְּן אוּן רֶעדְט צוּ אִיר זוּן קֶעגְן אַייךְ; אַ שְׁוִויגֶער הָאט פַיינְט אַ שְׁנִיר, עַד כְּדֵי כַּךְ, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (שַׁבָּת כו.) עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁוִויגֶער וָואס הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק פַיינְט גֶעהַאט אִיר שְׁנִיר, זִי הָאט גֶעזָאגְט פַאר אִיר שְׁנִיר: "אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעקוֹיפְט אַ גוּטֶע שְׁמֶעקֶעדִיגֶע בְּשָׂמִים, גֵיי שְׁמִיר זִיךְ אָן מִיט דֶעם", נָאכְדֶעם וֶוען זִי הָאט גֶעצִינְדְן דִי שַׁבָּת לִיכְט - "אִיתְּפַח בָּהּ נוּרָא, וַאֲכַלְתַּהּ", הָאט זִי זִיךְ פַארְבְּרֶענְט, דִי בְּשָׂמִים הָאט גֶעהַאט אִין זִיךְ אוֹיסְגֶעמִישְׁט אַ פְלַאמֶעדִיגֶע זַאךְ וָואס מַאכְט אוֹיפְפְלַאמֶען; זֶעט מֶען פוּן דֶעם וִוי וַוייט דִי פַיינְטְשַׁאפְט גֵייט.

מִיט דֶעם אַלֶעם, מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן - קֶען מֶען לֶעבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים. אִיר זָאלְט זָאגְן אַלְץ פַאר אַייעֶר מַאן גוּטֶע וֶוערְטֶער אוֹיף זַיין מַאמֶע, אוּן אוֹיךְ זָאלְט אִיר זָאגְן פַאר דִי שְׁוִויגֶער וִוי שְׁטַארְק אִיר הָאט זִי לִיבּ - וֶועט זַיין שָׁלוֹם. וַוייל שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כז, יט): "כַּמַּיִם הַפָּנִים לַפָּנִים, כֵּן לֵב הָאָדָם לָאָדָם", אַזוֹי וִוי וֶוען מֶען קוּקְט אִין וַואסֶער זֶעט מֶען זִיךְ - וֶוען מֶען שְׁמֵייכְלְט זֶעט מֶען אַ שְׁמֵייכְל אוּן וֶוען מֶען אִיז זוֹיעֶר זֶעט מֶען אַ זוֹיעֶרֶע בִּילְד; אַזוֹי אִיז אַ מֶענְטְשׁ צוּם חַבֵר - וֶוען מֶען שְׁמֵייכְלְט שְׁמֵייכְלְט יֶענֶער צוּרִיק, אוּן וֶוען מֶען אִיז שְׁלֶעכְט, אִיז יֶענֶער שְׁלֶעכְט צוּרִיק צוּ דִיר; גֶעדֶענְקְט, דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז אַזוֹי וִוי אַ 'שְׁפִּיגֶעלֶע', אוֹיבּ מֶען שְׁמֵייכְלְט צוּ אַ 'שְׁפִּיגְל', זֶעט מֶען וִוי אֵיינֶער שְׁמֵייכְלְט צוּרִיק אוּן אוֹיבּ מֶען וַוייזְט אַ

זוֹיעֶרֶע פָּנִים צוּם 'שְׁפִּיגְל' – זֶעט מֶען אַ זוֹיעֶרֶע פָּנִים.

אַז אִיר וֶועט נָאר גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, אִיר וֶועט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאדַאנְקֶען – וֶועט זֵי זִיךְ בֵּייגְן, זֵי וֶועט טוֹישְׁן אִיר צוּגַאנְג צוּ עֶנְק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זַיינֶע חָכְמוֹת הַמְּדֻמּוֹת טְרָאגְן אִים אִין נִישְׁט גוּטֶע פְּלֶעצֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – א' פַּרְשַׁת דְּבָרִים, כ"ח תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

בִּיטֶע זַיי מְחַזֵּק הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר הָאט עֶרְגֶעץ וואו גֶעלֶערְנְט חוּמְרוֹת וּפְרִישׁוּת; זַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' בֶּעט זִיךְ זִי וִויל לֶעבְּן מִיט אִים אוּן עֶר דְרֵייט זִיךְ אַלְץ אַרוֹיס.

אִיךְ הָאבּ אִים מַדְרִיךְ גֶעוֶועזְן אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט; זֶעט אוֹיס זַיינֶע חָכְמוֹת הַמְּדֻמּוֹת טְרָאגְן אִים אִין נִישְׁט גוּטֶע פְּלֶעצֶער, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר ר' רְאוּבֵן יוֹסְל (עַיֵּין פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק סִימָן תרע, הֶעָרָה ו): "דַיין טַאטְנְ'ס חוּמְרוֹת פִירְן אִים אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת", וד"ל.

בִּיטֶע זַיי אִים מְחַזֵּק, בְּעִיקָר זַיי אִים מְחַזֵּק עֶר זָאל קוּמֶען צוּ זַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה; עֶר זָאל פְרֶעגְן זַיינֶע פְּרַאגֶעס זַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּן אַז זַיין שְׁטוּבּ וִויל פְרֶעגְן זָאל עֶר אִיר נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי חֵדֶר אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע אוּן וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – א' פַּרְשַׁת דְּבָרִים, כ"ח תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז דוּ הָאסְט גֶענוּמֶען דִי חֵדֶר פַאר דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ, אוּן אוֹיךְ בִּין אִיךְ דִיר זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר אַז דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר יֶעדְן טָאג יֶעדֶע אֵיינְצְלְהֵייט פוּן חֵדֶר, פוּן דִי מְלַמְדִים, קִינְדֶער וְכוּ'.

אִיךְ רֶעד צוּ אִינְגֶעלַייט זָאלְן דִיר הֶעלְפְן, זֵיי זָאלְן אִיבֶּערְנֶעמֶען גֶעוִויסֶע זַאכְן וָואס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס אַ סְפֶּעצִיעֶלֶער מֶענְטְשׁ פַאר דֶעם; וִוי לְמָשָׁל אַרוֹיפְלֵייגְן דִי שִׁיעוּרִים אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן אוּן נָאךְ אַזֶעלְכֶע זַאכְן וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט זַיין קַיין גְרוֹיסֶער חָכָם, אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען זִיךְ קָאנְצֶעטְרִירְן אִין חֵדֶר מִיט דִי מְלַמְדִים אוּן דִי קִינְדֶער.

אִיךְ בִּין גְרֵייט פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה אַ טָאג דִיר צוּ הֶעלְפְן, אוּן בְּלִי נֶדֶר וֶוען דוּ וֶועסְט מִיר רוּפְן אִיךְ זָאל קוּמֶען צוּ דִי מְלַמְדִים אָדֶער צוּ דִי קִינְדֶער - וֶועל אִיךְ קוּמֶען, וַוייל דָאס אִיז מִיר וִויכְטִיגֶער פוּן אַלֶעס.

זַיי מְחַזֵק דִי מְלַמְדִים זֵיי זָאלְן זַיין צַייטְלִיךְ אִין חֵדֶר, אוּן חַס וְשָׁלוֹם דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין הֶפְקֵר; עֶס זָאל נִישְׁט פַּאסִירְן אַזַא זַאךְ אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין אִינֶעם בִּנְיָן אָן דִי מְלַמְדִים.

נָאכְאַמָאל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**בִּיסְט אַן אוֹיסְגֶעצֵייכְנְטֶער מְלַמֵד, אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקֶךָ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - א' פַּרְשַׁת דְבָרִים, כ"ח תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

דֶער מְנַהֵל זָאגְט מִיר אַז דוּ בִּיסְט אַן אוֹיסְגֶעצֵייכְנְטֶער מְלַמֵד; דַיין גַאנְצֶע קָאפּ לִיגְט אִין חֵדֶר, וִוי צוּ קֶענֶען בֶּעסֶער מַאכְן פַאר דִי קִינְדֶער.

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקֶךָ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...


בס"ד
בשורה טובה ומשמחת!
שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך
צו אייער טיר
אויף די פאסט
די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים
עצתו אמונה
הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,
געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
הרה"ג ר'
יואל רוטה
שליט"א
היכל הקודש
חיזוק צום טיר
רופט אדער טעקסט
קרן הדפסה היכל הקודש
718-387-2691
אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org
goodpointmediainc@gmail.com